STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04398

# DER IDISHER HURBM IN RUSLAND

Vladimir V. Kossovskiu

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלגעמיינער אידישער ארבייטער-בּונד אין ליטא,
פּוילען און רוסלאנד

וול. קאַסאָווסקי

# דער אידישער חורבּן אין רוסלאַנד

פּרייז 10 סענט

ארויסגעגעבען אין אידיש פון
צענטראַל פערבּאַנד פון „בּונד" אין אַמעריקאַ
ניו יאָרק
1915

PINSKI-MASSEL PRESS
84 BOWERY, N. Y.

# פאָררעדע.

דאָס ווערק, וואָס מיר גיבען איצט איבער דעם אידישען לעזער, רעדט פאר זיך אליין. עס איז א קורצע, אָבער געוויסענהאפטע זאמלונג פון מאטעריאלען וועגען די אידישע גירושים אין רוסלאנד אין דער צייט פון קריעג. די מאטעריאלען זענען ארויסגענומען פון רוסישע און אידישע צייטונגען, וועלכע געהען ארויס אין רוסלאנד, אונטער דער רוסישער צענזור. די מאטעריאלען זענען פערגליכען געוואָרען מיט ידיעות פון אנדערע קוועלען, אזוי אז מען קען זיך אויף זיי אבסאָלוט פערלאָזען. גיכער איז אין דעם איצטיגען ווערק דאָס בילד שוואכער, איידער עס איז געוועזען אין דער ווירקליכקייט. ווארום ווער קען פאָרשטעלען אין א קורצער אָבהאנדלונג דעם גרויסען יאָמער פון די אידען אין קריעגס-צייט און דאָס גרויסע פערברעכען, וואָס מ'איז געגען זיי בעגאנגען? עס וועלען נויטיג זיין יאָהרען פון אָנגעשטרענגטער קאָלעקטיווער ארבייט, כדי צו געבען א בילד פון די אידישע גירושים אליין, שוין ניט ריידענדיג וועגען אנדערע ליידען.

אָבער אויך דאָס, וואָס ס'איז ענטהאלטען אין דעם איצטיגען ווערק, מאכט א מורא'דיגען איינדרוק. געזאמעלט און קאָמבינירט, בילדען די פאקטען א גרויסען בעשולדיגונגס-אקט געגען דער רוסישער דעספאָטישער רעגירונג. איבערגעזעצט אויף אנדערע שפראכען, מוז דאס מאכען א רושם אין דער ציוויליזירטער וועלט.

דאָס ווערק האָט דעריבער א גרויסע פאָליטישע בעדייטונג.

עס איז ניט קיין וואונדער, וואָס גראד דער „בונד“ איז געוועזען דער ערשטער ארויסצוטרעטען מיט אזא מין זאמלונג. דער „בונד“, אויף וויפיעל זיינע פיזישע כחות האָבען איהם ערלויבט, האָט אויך אין דער צייט פון קריעג פאָרטגעזעצט זיין פאָליטישע ארבייט. אמת, זיינע קרעפטען האָבען געמוזט אבגעשוואכט ווערען, זיינע בעסטע מענשען האָט מען פערנומען אין מיליטער, די אָרגאניזאציעס זענען אין פיעלע ערטער צערשטערט געוואָרען דורך מיליטער-צושטאנד און טאָקי דורכדעם, וואָס די שטעדט זענען פערכאפט געוואָרען פון

קריעג. אבער אויף וויפיעל עס זענען געבליבען בונדיסטען אין רוסלאנד, און אויף וויפיעל די אומשטענדען האבען ערלויבט, האבען זיי געטהאן זייער ארבייט מיט דעם זעלביגען גייסט און דעם זעלביגען גלויבען, ווי פריהער. זיי האבען אויף איין מינוט ניט פערגעסען, אז דער קאמפף נעגען די רוסישע דעספאטען מוז פארטגעזעצט ווערען, און אז נאר דורך רעוואלוציאנערע פאליטישע ארבייט צוזאמען מיט אלע פראגרעסיווע קרעפטען פון רוסלאנד קען געבראכט ווערען א הילף די אידישע אונטערדריקטע מאסען.

אויך די בונדיסטען אין אויסלאנד — וועלכע שטעהען כסדר אין ענגער פערבינדונג מיט זייערע גענאסען אין רוסלאנד — האבען ניט אבגעשטעלט זייער ארבייט. דאס איז געווען הויפטזעכליך אנ'ארבייט פון פראפאגאנדא פון סאציאליסטישער אידען־אויפקלעהרונג צווישען די פיעלע צעהנדליגע טויזענדער יונגע אידען, וואס געפינען זיך איצט אין אויסלאנד. אבער אויך פאליטיש האט דער אויסלענדישער קאמיטעט פון „בונד“ ניט אבגעשטעלט זיין טהעטיגקייט. ער האט אנטיילגענומען אין פיעלע קאנפערענצען און בעראטונגען פון אייראפעאישע סאציאליסטישע פארטייען. ער האט ארויסגעלאזט אנ'אויפרוף „צו דער ציוויליזירטער וועלט“ וועגען אידישע פערפאלגונגען אין רוסלאנד אין קריעגס־צייט. ער האט צוריק מיט א קורצער צייט ארויסגעלאזט די מאטעריאלען, וואס מיר פערעפענטליכען איצט אין אידיש.

מיר זענען זיכער, אז דאס ווערק וועט געפינען אין אמעריקא די אויפנאהמע, וואס עס פערדינט. מיר האפען, אז די איצטיגע אידישע אויסגאבע וועט אונז געבען א מעגליכקייט ארויסצולאזען דאס ווערק אויך אין ענגליש. ווי נויטיג דאס וואלט געווען, איז איבעריג צו ריידען.

**צענטראל פערבאנד פון „בונד“ אין אמעריקא.**

# גירושים

.1

פאַריגען יאָהר האָט דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד" אַפּעלירט צו דער עפענטליכער מיינונג פון דער ציוויליזירטער וועלט געגען דעם מיטעלאַלטערליכען באַרבאַריזם פון דער רוסישער רעגירונג, וועלכע האָט זיך גענומען להשמיד, להרוג ולאבד דאָס פיעל־מיליאָניגע אידישע פאָלק. ער האָט אָנגעוויעזען, אַז אויסער די טראַדיציאָנעלע פּאָגראָמען, האָט די רעגיערונג אויך גענומען טרייבען ביז איינעם די אידען פון גאַנצע ראַיאָנען. די דאָזיגע מאַסען־גירושים קענען, אמת, ניט אויפשוידערען אַזוי די פאַנטאַזיע, ווי פּאָגראָמען, וואו פרויען ווערען געשענדעט, בייכער אויפגעשניטען א. ד. גל., אָבער נאָך די פערוויסטונגען און חורבנות, וואָס זיי ברענגען מיט זיך, שטייגען זיי איבער אַלע פּאָגראָמען..

אַכט חדשים איז אַוועק פון יענער צייט אָן. די גירושים אויף אידען האָבען ניט אויפגעהערט; אדרבא, זיי זיינען, קען מען זאָגען, געוואָרען אַ טאָג־טעגליכע ערשיינונג. דאָס, וואָס עס איז, דאַכט זיך געווען אונמעגליך אפילו אין דעם צארישען רוסלאַנד, וואָס עס איז גאַנץ ריכטיג אָנגערופען געוואָרען דאָס לאַנד פון אומבעגרענצטע מעגליכקייטען, איז איצט געוואָרען אַ ווירקליכקייט: די מאַסען־גירושים אויף אידען זיינען געוואָרען קאָלאָסאַל גרויס און זיך פערשפּרייט אויך הינטער די גרענצען פון פּוילען — אין ליטא און אין די באַלטישע פּראָווינצען. דער תחום (טשערטאַ אָסיעדלאָסטי), דאָס שטיקעל טעריטאָריע, וואו אידען מעגען וואוינען, איז געוואָרען די וואַנדערונגס־ארענאַ פאַר הונדערטער טויזענטער מענשען, וועלכע ווערען געטריבען פון איין אָרט צום צווייטען לויט דעם קאַפּריז פון די מאַכט־האָבער. די וואַכמייסטערס, וועלכע האָבען ניט געקענט אָרגאַניזירען די מלחמה געגען דעם אויסערן שונא, ווייזען ארויס מערקווירדיגע איינפעליגקייט און ענערגיע, אָרגאַניזירענדיג די מלחמה געגען דער אייגענער אומבעוואָפענטער

בעפעלקערונג. אין איינע עטליכע שטונדען, אין בעסטען פאל טעג, לעדיגען זיי אויס פון מענשען גאנצענע שטעדט און ראיאָנען, ראַטען אויס יעדען סימן פון לעבען און מיט א סדר, ווי געניטע פּאָגראָמ־שטשיקעס, פערוואנדלען זיי אין א מדבר א מורא'דיג גרויסע קול־טורעלע געגענד, וועלכע איז מיט טויזענטער פעדים צונויפגעבונדען מיט'ן ווירטשאפטליכען לעבען פון די איבעריגע טהיילען פון רוס־לאנד.

## .2

די גירושים אויף אידען האָבען זיך בעגייט אין פוילען מיט מיט נאָך א גרעסערער קראפט אין יאנואר פון דעם יאָהר *). „א מענשען־כוואַליע, א ריעזיגע כוואַליע, — האָט געשריעבען דער קאָ־רעספּאָנדענט פון „רעטש", — האָט זיך ווי א הויכע וואנד אויפ־געשטעלט און זיך א לאָז געטהאָן צו ווארשא נאָך דעם 25טען יאנואר. אין צוועלף שטונדען מוזען די אידען פערלאָזען די ערטער, וועלכע מען וועט זיי הייסען". — „דעם 25טען יאנואר, — דער־צעהלט ער ווייטער, — בין איך געווען אין גראָדזיסק און האָב געזעהן, ווי מען האָט אָנגעקלאפּט די אידען אין די פענסטער, און

---

*) צו געבען אַ בילד פון די גירושים, וואָס זאָל מעהר וועניגער זיין נאָהענט צו דער ווירקליכקייט, אויפ'ן גרונד פון די ידיעות פון דער צענזורירטער פּרעסע, איז, פערשטעהט זיך, בשום אופן ניט מעגליך. אויסער דעם, איז גליך נאָכדעם, ווי מען האָט אָנגעהויבען אָפּצורייניגען קאָוונער גובערניע פון אידען, האָבען די רוסישע צייטונגען — קענטיג, צוליעב דעם פערבאָט פון דער צענזור — אינגאַנצען אויפגעהערט צו דרוקען ידיעות וועגען די גירושים. אַזעלכע מיני ידיעות ערשיינען נאָך נאָר אין די וועניג איבערגעבליבענע אידישע צייטונגען, אין דער מאָסקווער „יעווריעסקאַיאַ ניעדעליאַ", אין דעם ווארשעווער „היינט". אָבער אויך דאָס וואָס ווערט דורכגעזייט אין דער פּרעסע דורכ'ן צענזאָר'ס פילטער, איז מאָגער ביז צו גאָר; איבערהויפּט לאָזט די צענזור ניט דורך קיינע פאקטען וועגען די צ א ה ל אַרויסגעטריבענע. דערפאר מוז פיעל פעהלען אין אונזער אָפּהאַנדלונג וועגען דעם דאָזיגען ענין.

דאָס איז פאַר זיי געווען אַ סיגנאַל צו פערלאָזען די שטאָדט. אין עטליכע מינוטען זיינען זיי שוין געווען אין דרויסען און מיט אַ געשריי און געוויין געלאָפען צום באַהן. מען האָט געטראָגען קינדער, אַלטע לייט, פעקלעך מיט בעבעכעס. מען האָט געשטויסען איינע די אַנדערע, שפּאַרענדיג זיך אין די וואַגאָנעס. אַלע פּלאַטפאָרמעס, אַלע בופערס און אַפילו די דעכער זיינען געווען געפּאַקט און בעהאַנגען מיט מענשען. דאָס איז געווען עפּעס אַ מין לעבעדיגע שלאַנג, צונויפגעשטעלט פון מענשליכע קערפּערס.“

נאָכ'ן סאַמע מעסיגען חשבון („נאַווי וואָסכאָד“, נומ. 5) איז אין וואַרשאַ אָנגעקומען פאַר די לעצטע טעג פון יאַנואַר ניט וועניגער ווי דרייסיג טויזענט אידישע פליכטלינגע. די דאָזיגע ציפער איז אָהן צווייפעל ווייט ניט די ריכטיגע, ווי עס איז צו זעהן דערפון, וואָס פאַר צוויי טעג, דעם 25טען און דעם 26טען יאַנואַר, איז אין וואַרשאַ אָנגעקומען צוואַנציג טויזענט אַרויסגעשיקטע אידען („היינט“, נומ. 22, פון דעם 26טען יאַנואַר).

דאָס בילד פון דער מאַסען-פערניכטונג פון מענשליכע וועזענס שטעהט אויף פאַר אונז אין זיין גאַנצער שוידערליכערווירקליכקייט אַפילו ביים לייענען די טרוקענע בעריכטען פון דער צענזורירטער פּרעסע וועגען דעם אָנקומען פון די אַרויסגעטריבענע אין וואַרשאַ. „אַ גאַנצע נאַכט און נעכטען אַ גאַנצען טאָג האָבען איבער די גאַסען פון וואַרשאַ זיך געצויגען אָהן אַן עק פוהרען מיט זקנים און זקנות, פרויען און קינדער, וועלכע האָבען זיך געטרייסעלט פאַר קעלט און געטוליעט זיך איינע צו די אַנדערע. פון הינטען זיינען נעגאַנגען אין דרייען געבויגען מענער, פאַר וועלכע עס איז שוין קיין פּלאַץ ניט געווען אויף די פוהרען. די גאַנצע נאַכט האָבען דורכגעפראָרענע אידען געוואַנדערט איבער די פינסטערע וואַרשעווער גאַסען, ניט וויסענדיג וואו צו צושפּאַרען דעם קאָפּ און צו וועמען נאָך הילף זיך צו ווענדען. די שטילקייט פון דער נאַכט איז איבערגעריסען געוואָרען פון דעם געוויין פון די פערפראָרענע און הונגעריגע עופה'לעך און פון די קרעכצען פון די פרויען“. — „בלויז אַ גאַנץ אומבעדייטענדען טהייל פון דער מורא'דיגער מאַסע אַרויסגעשיקטע האָט אָפּגעגליקט צו קריגען פוהרען אָדער צו כאַפּען די באַהן. אַרימערע מענשען און בכלל אַזעלכע, וועלכע קומען פון

ערטער, וואָס ליעגען אָן אַ זייט פון אַן אייזענבאהן, האָבען געמוזט געהן צופוס. נעכטען און היינט איז אָנגעקומען די ערשטע פּאַרטיע פוסגעהער. די האָזיגע וואנדערער האָבען אפילו קיין קישענס ניט געקענט נעהמען מיט זיך, ווייל זיי האָבען געמוזט טראָגען די קינדער, די אַלטע לייט און די קראַנקע. („היינט", נומ. 24, פון דעם 28טען יאַנואַר).

פון סוף יאַנואַר אָן הערען ניט אויף די גירושים אויף אידען. זיי ווערען שוין אַ שטענדיגע אָפּטהיילונג אין דער צייטונגס־כראָניק און זיי ווערען פערצייכענט ווי אַ זאַך, וואָס איז שוין געוואָרען אַ געוועהנליכע ערשיינונג אין דעם רוסישען לעבען, צוגלייך מיט די אַבלאָוועס אויף אידען מחוץ לתחום א. ד. גל.: „אין ווארשא טהוען און קומען אָן אַלץ נייע און נייע פּאַרטיעס פליכטלינגען פון נייע ערטער, איבערהויפּט פון פלאָצקער גובערניע". — „די האָזיגע נייע פליכטלינגען דערצעהלען וועגען די שרעקען, וואָס עס איז זיי אויסגעקומען איבערצולעבען אין וועג. עס זיינען אויך אָנגעקומען ידיעות וועגען מאַסען מענשען, וועלכע האָבען געמוזט „לויפען" פון לאָמזשער גובערניע. די איינוואוינער פון יעדוואַבנאָ איז אויסגעקומען צו לויפען, וואוהין די אויגען טראָגען, אין פערשיידענע זייטען, און דערביי זיינען אויך פאָרגעקומען געשיכטעס, וואָס פרויען זיינען ערמאָרדעט געוואָרען און אַזוי, וואָס זיינען בעראַבעוועט געוואָרען א. אז. וו." („נאָווי וואָסכאָד", נומ. 8, פון דעם 27טען פעברואַר).

ווי גרויס עס איז די צאָהל ארויסגעטריבענע אידען, וואָס האָבען זיך אָנגעקליבען אין ווארשא, קען מען זעהן דערפון, וואָס אין מאי איז אויסגעקומען צו געבען הילף 140 טויזענט מענשען („ראַזסוויעט", נומ. 21). נאָר פון איין ווארשא קען מען נאָך ניט אורטהיילען, ווי גרויס די גירושים זיינען, דען אויך אין דער פּראָווינץ פון פּוילען בילדען זיך צענטרען, וואו ארויסגעשיקטע קלייבען זיך אָן. אַזוי איז נאָך אין יאַנואַר אין קיעלץ אָנגעקומען טויזענט אידען און אין ראַדאָם — 1,500 אידען פון די ארומיגע שטעדטלעך („היינט", נומ. 23 און 24). אין מערץ, ווי דער „דזיעננ_יק פּאָלסקי" (נומ. 95) שרייבט, האָט מען אין ראַדאָמער און קיעלצער גובערניעס, אין אייניגע אויעזדען, וועלכע זיינען נאָהענט צום ראַיאָן פון די

קריעגס־אָפּעראַציעס, גענומען לחלוטין אַרויסטרייבען די גאַנצע אידישע בעפעלקערונג. עס ווערען אַרויסגעשיקט אַלע אידען אָהן אויסנאַהם, אָהן אונטערשייד פון יאָהרען, לאַגע און גראַד פערמעג־ליכקייט. אָנהויב מאַי איז פון קיעלצער און ראַדאָמער גובערניעס אַרויסגעשיקט געוואָרען אין לובלינער גובערניע פופצעהן טויזענט אידען; מען האָט זיי ערלויבט צו בעזעצען זיך אין דריי אויעזדען פון לובלינער גובערניע: לובאַרטאָווער, ראַדזינער און סאָקאָלאָווער („רעטש", נומ. 127). אפילו אין דער שוין גאָר אומגליקליכער לאָמזשע, „פון וואַנען אַלע לויפען", האָט זיך אויך אָנגעקליבען ביז 900 פאַמיליעס אַרויסגעשיקטע; דאָס זיינען דאָס רוב יעדוואַבנער, וועלכע מען האָט נאָכ׳ן גירוש אַריינגעטריבען אין לאָמזשע, ווייטער זיינען דאָס די איינוואוינער פון נאָוואָגראָד און פּיאַנטניצא, לאָמ־זשער פאַרשטעדטלעך, פון וואַנען די בעפעלקערונג איז אויך אַרויס־געטריבען געוואָרען („יעווריסקאיא זשיזן" [illegible]„יעווריסקאיא ניעדיעליא", נומ. 2).

דאָ וועט זיין ביים וועג צו ברענגען אַ פאַקט, וועלכער בע־ווייזט, אַז צוגלייך מיט די גירושים טהוט די רוסישע נאַטשאַלסטוואָ און פּראַקטיצירט אויך איהרע פריהערדיגע שטיק: „אין ראַדאָמער און קיעלצער קובערניעס אַרעסטירט מען די אָנגעזעהענסטע אידישע פאָרשטעהער און רבנים און מען פערשיקט זיי אין טיעף רוסלאַנד. אין איין נאָוואָ־אַלעקסאַנדריע, וועלכע איז דער זאַמעל־פונקט פון די דאָזיגע לעבעדיגע משכנות, האָט זיך די טעג אָנגעקליבען ביז פערציג רבנים („נאָווי וואָסכאָד", נומ. 10 און 11, פון דעם 13טען מערץ).

פאַר די לעצטע צייט ווערט די צאָהל אַרויסגעשיקטע אין וואַרשא ניט פערגרעסערט, וואָס דאָס ערקלעהרט זיך דערמיט, וואָס די נאַטשאַלסטוואָ לאָזט זיי שוין מעהר אהין ניט, נאָר זי שיקט זיי אַוועק אויפ׳ן רעכטען ברעג ווייכסעל. דאָס מאַכט די לאַגע פון די אַרויסגעשיקטע נאָך ערגער, דען מעהר וועניגער ממשות׳דיגע הילף קען זיי געגעבען ווערען נאָר אין אַ גרויסער שטאָדט מיט אַ גרויסער אידישער בעפעלקערונג, אַזוי ווי וואַרשא איז. אַזוי האָבען די אידען, וועלכע זיינען אין מאַי אַרויסגעשיקט געוואָרען פון מאַ־הילניצע (וואַרשעווער גובערניע), פינף טויזענט נפשות, אויפ׳ן רעכטען ברעג ווייכסעל, געמוזט צוויי־דריי טעג וואַלגערען זיך אונ־

טער'ן פרייען הימעל, ניט האבענדיג אפילו מיט וואס צוצודעקען זיך, ווארים זיי האבען געמוזט פלוצלונג און שנעל אפפאהרען און זיי האבען קיין שום זאך ניט געקענט פערכאפען מיט זיך פון זייער ביסעל ארימקייט. אין דער אייגענער לאגע זיינען אויך געווען די ארויסגעשיקטע פון ראזשאן, לאמזשער גובערניע, 150 פאמיליעס: צווייי טעג האבען זיי זיך געוואלגערט אויפ'ן פעלד ארום אסטראוו, וואוהין עס איז זיי פערבאטען געווען אריינצופאהרען („יעווריי־סקאיא ניעדיעליא", נומ. 1, פון דעם 24טען מאי).

א שוידערליך בילד פון דער לאגע פון די אידען אין פוילען מאלען די בעריכטען פון די בעפאלמעכטיגטע פון דעם מאסקווער אידישען הילפס־פעראיין פאר די מלחמה־קרבנות, וועלכע זיינען ארומגעפאהרען פוילען. אט וואס עס שרייבט, צ. ב. ש., איינער פון די בעפאלמעכטיגטע וועגען דער לאגע פון דער אידישער בעפעל־קערונג פון לאמזשער גובערניע: „...מען קען ניט זאגען, אז זי איז רואינירט, ווארים דאס דאזיגע ווארט ערקלעהרט נאך ניט די אמת'ע ווירקליכקייט, דעקט ניט אויף דעם ריכטיגען אינהאלט פון דער דאזיגער שרעקליכער ערשיינונג. נאך א חורבן בלייבט דאך עפעס איבער, זאל זיין כאטש וועלכע עס איז צרה'דיגע רעשטלעך, אין ערגסטען פאל כאטש דער פערוויסטער פלאץ, כאטש די אלטע חורבות. דא אבער זיינען מענשען ארויסגעווארפען געווארען אויף א וויסטען וועג, פונקט ווי נאך א שיף־אונטערגאנג אדער ווי נאך אן ערד־ציטערניש. טויזענטער פאמיליעס, צעהנדליגער טויזענטער מענשען, בוכשטעבליך נאקעטע און בארוועסע, מיט קינדער אויף די הענט, אלט און יונג, שלעפען זיך ארום איבער די נאך גאנץ איבער־געבליבענע שטעדטלעך, זוכענדיג א היים און ברויט. דאס אומגליק האט קיינעם ניט געשאנעוועט, אלעמען אויסגעגליכען, און פריהער־דיגע גבירים ווענדען זיך צו אונז נאך עטליכע פונט קארטאפליעס". („יעווריייסקאיא ניעדיעליא", נומ. 2, פון דעם 31טען מאי).

די צייטונג „זעמיא לובעלסקא" (נומער 111, פון דעם 23טען אפריל) ציהט אונטער אזא סך־הכל פון דער גירוש־פאליטיק אין פוילען: „אין אומגעוועהנליכע צייטען קומען פאר אומגעוועהנליכע פאסירונגען. די אזוי־גערופענע אומשטענדען פון קריעגס־צייט האבען געבראכט צו אינטערעסאנטע ענדערונגען אויף די פוילישע

לענדערייען, וואו עס שפּיעלט זיך אָפּ דאָס טהעאַטער פון די קריעגס־אָפּעראַציעס. אין דער געגענד, וואו די אידען זיינען אין די שטעדטלעך געווען 80 פּראָצענט פון דער גאַנצער בעפעלקערונג, איז איצט אין די זעלבע שטעדטלעך, וועלכע ליעגען אין דעם ראַיאָן פון די קריעגס־אָפּעראַציעס, קען מען קיין איין אידען ניט געפינען.״

.3

אין אַפּריל זיינען די גירושים פערשפּרייט געוואָרען אויף סובאַלקער גובערניע, וועלכע איז אַ מין איבערגאַנג פון פּוילען צו ליטא. גלייכצייטיג איז אין דער גירוש־פּראַקטיק אריינגעבראַכט געוואָרען אַ נייער עלעמענט, — די איינפעליגקייט פון די רוסישע רעגיערער אויפ׳ן געביט פון אונטערדריקונגען האָט גאָר ממש קיין גרעניץ ניט: די ארויסגעשיקטע אידען זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרען אין דער לאַגע פון ארעסטאַנטען, מען האָט פון זיי גערויבט דאָס רעכט פריי זיך אויסצוקלייבען אַן אָרט, וואו צו בזעצען זיך, אפילו אין די גרענצען פון תחום, און מען האָט זיי געגעבען פּאַסיר־שיינען אין בעשטימטע אויעזדען; ערטערווייז זיינען זיי געפיהרט געוואָרען אונטער׳ן קאָנוואָי פון סטראַזשניקעס; אין גרעסערע שטעדט, וועלכע זיינען געלעגען אויפ׳ן וועג פון זייער וואנדערונג, האָט מען זיי מעהרסטענטהייל איינגאַנצען ניט אריינגעלאָזען, אפילו ניט דאָרט אָפּצורוהען אַ ווייליע, און אויב די פּאָליציי האָט פערזעהן, און זיי זיינען יאָ אהין אריינגעפאלען, האָט מען זיי אָהן רחמנות געטריבען ווייטער.

אין „נאָווי וואָסכאָד״ פון דעם 17טען אַפּריל (נום. 15) שרייבט מען, אז מען האָט גענומען טרייבען אידען פון פיעלע ערטער פון סובאַלקער גובערניע; נום. 16 (פון דעם 24טען אַפּריל) פון דער זעלבער צייטונג גיט שוין איבער פּרטים: אין מערעטש, ווילנער גובערניע, איז פאַריגע וואָך פלוצלונג אָנגעקומען 350 אנטלאָפענע פאַמיליעס פון די שטעדטלעך פון סובאַלקער גובערניע. די דאָזיגע גאַנצע מאַסע, וועלכע דערגרייכט ביז 2,000 נפשות, האָט געקראָגען פּאַסיר־שיינען צו געהן אין די גובערניעס, וועלכע ליעגען אין דעם דניעפּער־באַסיין. דאָס שטעדטעל יעזנאָ, ווילנער גובערניע, איז

איבערגעפּאקט מיט אידען, וואָס זיינען אָנהויב אַפּריל ארויסגע־שיקט געוואָרען פון די שטעדטלעך פון סובאלקער גובערניע: סעריי, סימנאַ, באַלוואַרישאָק, פּרען און אַנדערע. מען ערוואַרטעט דאָס אָנקומען פון נאָך הונדערטער פאַמיליעס פון די ארומיגע פּלעצער. די אייגוואַווינער גופא פון יעזנאַ „זיינען פול מיט שרעק אויף פאַר זייער אייגענעם שיקזאל". — אין ווילנאַ האָבען אָנגעהויבען אָנ־צוקומען ארויסגעשיקטע פון סובאלקער גובערניע. זייער גאַנצע האָב און גוטס האָבען זיי איבערגעלאָזען אויף גאָט'ס בעראָט. אין איינע עטליכע שטונדען האָבען זיי געמוזט פערלאָזען זייערע היימען. די ערשטע פּאַרטיע, 45 נפשות, איז אָנגעקומען פון סילען מיט פּאַסיר־שיינען קיין נאַדעזשדינאַ און קאַמינקאַ אין יעקאַטערינאָ־סלאַווער גובערניע. אייניגע פון די דאָזיגע ארויסגעשיקטע האָבען אין דערהיים איבערגעלאָזען באַלעבאַטישקייט אויף עטליכע צעהנד־ליג טויזענט רובעל. די צווייטע פּאַרטיע פון קאַזלאָוואַ־רודאַ איז אָנגעקומען אונטער אַ קאָנוואָי פון סטראַזשניקעס. אין אָראַן, ווילנער גובערניע, זיינען אָנגעקומען 80 אַנטלאָפענע פאַמיליעס, אין שילעל, קאָוונער גובערניע, — 104 פאַמיליעס.

דער „ראַזסוויעט" פון 10טען מאַי (נומ. 19) גיט צו צו דעם דאָזיגען בילד נייע פּרטים: „שוין עטליכע וואָכען, ווי עס געפינען זיך אין מערעטש דריי טויזענט ארויסגעשיקטע פון סובאלקער גובערניע. מען קען זיי ניט שיקען ווייטער, ווייל עס איז אונ־מעגליך צו קריגען איצט אומזיסטע באַהנען אויף צו פאָהרען. מען קען זיך פאָרשטעלען אין וואָס פאַר אַן ענגשאַפט, אין וואָס פאַר אַן אומגלויבליכע בעדינגונגען עס לעבען די דאָזיגע דריי טויזענט מענשען אין אַט דעם קליין שטעדטעל, וואָס איז לחלוטין ניט צו־געפּאַסט אויפצונעהמען אַזאַ צאָהל מענשען." — „אין באַלוואַרישאָק האָבען די אידען פאַר'ן גירוש זיך אָנגעליטען יסורים און ערניעד־ריגונגען, צו וועלכע אפילו אידען זיינען ניט געוועהנט אפילו אין דער איצטיגער צייט". פון פּרען האָבען געמוזט ארויספאָהרען 400 פאַמיליעס.

די גירושים־כראָניק אין די צייטונגען איז פול מיט ידיעות, וועלכע זיינען אין אַנדערע לענדער געוועהנליך שייך צו דער מאָבי־ליזאַציע פון דער אַרמעע. „דעם 14טען אַפּריל איז פון גראָדנאָ

אויף וויטעבסק דורכגעגאנגען א צוג מיט 500 פליכטלינגען. זיי זיינען אלע געווען ארויסגעשיקט פון סובאלקער גובערניע: פון ליפסק, קאפציאווא, סאפאצקין, גאלינקא, קראסנאפאל, סייני א. אז. וו." („ראזסוויעט", נומ. 18). „די וואס זיינען פערהאלטען געווארען אין גראדנא, זיינען שוין כמעט אלע אוועקגעפאהרען ווייטער אין גרויסע גרופען, גאנצע צוגען, קיין וויטעבסק (500 מענשען), מאהילעוו (400), קרעמענטשוג (365), אומאן (200)". („ראזסוויעט" נו. 19). דאס זיינען אלץ צוגען מיט ארויסגעשיקטע פון סובאלקער גובערניע.

**.4**

סוף אפריל און אנהויב מאי האט מען שוין גענומען טרייבען די אידען אויף א קאלאסאלען מאסשטאב און די גירושים זייגען פערשפרייט געווארען אויף א זעהר גרויסע טעריטאריע, וועלכע נעהמט אריין אין זיך גראדנער, קאוונער און קורלענדער גובערניעס. דער גאנצער תחום ביז צו די וויטסטע ווינקלען זיינע איז פערפלייצט געווארען מיט א מבול פון גירושים, אין וועלכען עס זייגען אריינגעשלעפט געווארען הונדערטער טויזענטער מענשען.

ארויסצושיקען די אידען פון גראדנער גובערניע האט מען געקליבען זיך נאך אין מאנאט מערץ. ווי דער „ראזסוויעט" פון 29טען מערץ (נומ. 13) שרייבט, האבען אין גראדנא „אין די לעצטע טעג העכער 800 פאמיליעס געקראגען צו וויסען, אז זיי מוזען גלייך ארויספאהרען. עס האט זיך איינגעגעבען אפצובעטען דעם גירוש ביז נאך פסח". די ערשטע טעג פון מאנאט אפריל איז אין זשיטאמיר ערהאלטען געווארען פון דעם קיעווער אידישען הילפס־קאמיטעט אזא טעלעגראמע: מען ערווארטעט פון גראדנא זאלען ארויספאהרען 5,000 פרויען, קינדער און אלטע לייט. צווישען זיי געפינען זיך א סך ארבייטערינס פון שערעשעווסקי'ס טאבאק־פאבריק („נאווי וואסכאד", נומ. 14, פון 10טען אפריל).

נאך דעם געפינען מיר שוין אין די צייטונגען די געוועהנליכע ידיעות וועגען די איבערוואנדערונגען פון די ארויסגעשיקטע. „קיין בערדיטשעוו קומט אן די טעג די ערשטע פארטיע פליכטלינגען,

300 נפשות, פון די וואָס זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען פון גראָדנאָ". („נאָווי וואָסכאָד", נומ. 16, פון 24טען אַפּריל). קיין ווילנאָ זיינען געקומען צו פאָהרען פליכטלינגען פון דרוזגעניק, פון וואַנען עס ווערט ארויסגעשיקט די גאַנצע אידישע בעפעלקערונג („ראַזסוויעט", נומ. 19, פון 10טען מאַי). אויף דער פעראָרדנונג פון דער מילי-טערישער מאַכט איז דער אידישער בעפעלקערונג פון קנישין, גאָ-ניאָנדז און די דערבייאיגע ערטער פון ביאַליסטאָקער אויעזד, גראָד-נער גובערניע, ארום און אָרום 6,000 נפשות, געגעבען געוואָרען דריי טעג צייט, אַנהויבענדיג פון דעם 4טען מאַי, אויף ארויסצו-פאָהרען. צום סוף איז דער גירוש אָפּגעלעגט געוואָרען ביז'ן 13טען מאַי. די אידען ווערען ארויסגעשיקט אין יענע ערטער פון תחום, וועלכע געהען ניט אריין אין דעם ראַיאָן פון די קריעגס-אָפּעראַציעס („גאָלאָס ביעלאָסטאָקאַ", „רעטש", נומ. 127).

אין דער „יעווריייסקאַיאַ ניעדיעליאַ" נומ. 3 (פון 7טען יוני) ווערט געבראַכט אַ מיטטהיילונג פון דעם בעפּאָלמעכטיגטען פון דעם מאָסקווער אידישען קאָמיטעט פון דעם 30טען מאַי פון ביאַ-ליסטאָק: „...פון גראָדנאָ, וואו איך בין די וואָך געווען, פאָהרען ארויס כמעט אַלע פרויען און קינדער, און איינאיינעם מיט זיי פאָהרען אויך אוועק די מענער. דעם 23טען איז אָפּגעשיקט גע-וואָרען אַ צוג קיין יעליסאַוועטגראַד (650 מענשען), היינט קלייבט מען זיך אָפּצושיקען קיין בערדיטשעוו, ראָוונאָ און ווינניצאַ. אין קאָמיטעט האָבען זיך פערשריעבען אויף אָפּצופאָהרען העכער 2,000 מענשען... אַ גירוש איז ערקלעהרט געוואָרען אויף אַ טהייל פון סאָקאָלסקער אויעזד, גראָדנער גובערניע, פון קוזניצאַ דאַרפען ארויס-געשיקט ווערען 120 פאַמיליעס, פון נאָווידוואָר 110 פאַמיליעס, ד. ה. ארום טויזענט נפשות. צייט איז זיי געגעבען געוואָרען ביז דעם 3טען יוני".

„צו דער „רוסקאַיאַ סלאָוואָ" (נומ. 123) טעלעגראַפירט מען דעם 29טען מאַי פון ראָוונאָ, וואָהלינער גובערניע: „עס זיינען אָנגעקומען 250 אידישע פאַמיליעס פון גראָדנער גובערניע". די „קיעווסקאַיאַ מיסל" פון דעם 28טען מאַי (נומ. 146) איז מודיע: „נעכטען איז אין קיעוו אָנגעקומען אַ פּאַרטיע אידען פון 600 נפשות, ארויסגעשיקטע פון גראָדנאָ אויף איבער דער צייט פון

דער מלחמה. די פּאַרטיע בעשטעהט פון פרויען, קינדער און ניט קיין גרויסע צאָהל אַלטע לייט. די אידען פאָהרען קיין יעליסאַוועט־גראַד און יעקאַטערינאָסלאַוו". — דער „היינט" נום. 128 (פון 5טען יוני): האָמעל, עס זיינען אָנגעקומען 214 ארויסגעשיקטע פון גראָדנער גובערניע א. אז. וו., א. אז. וו.

.5

אָנהויב מאַי איז געקומען די צייט אויף קורלענדער און קאָווער גובערניעס.

לויט דער מיטטהיילונג פון „ריזשסקי וויעסטניק" („רעטש", נום. 120, פון 3טען מאַי) איז דעם 30טען אַפּריל פּובליצירט געוואָרען א בעפעהל ארויסצושיקען אַלע אידען ביז איינעם פון קורלענדער גובערניע ביז דעם 4טען מאַי. די ארויסגעשיקטע איז ערלויבט געוואָרען צו בעזעצען זיך אויפ'ן לינקען ברעג פון דניעפּר אין מאָהילעווער, טשערניגאָווער, יעקאַטערינאָסלאַווער און טאַווריטשעסקער גובערניעס, אחוץ די קרימער האַלב־אינזעל. די אידען, וועלכע וועלען ביז צום 4טען מאַי אליין ניט ארויספאָהרען, וועלען ארויסגעשיקט ווערען מיט זייערע פאמיליעס מיט'ן עטאַפּ אין איינע פון די אָנגערופענע גובערניעס, און אויסערדעם וועלען זיי גע'משפּט ווערען לויט די געזעצען פון קריעגס־צייט. ווי די „ריזשסקאַיא מיסל" דערצעהלט, איז צוליעב דעם גירוש אויף דער אידישער בעפעלקערונג פון קורלענדער גובערניע קען מען איצטיגע צייט זעהן אין ריגא אָנקומען מאסען אידען אויפ'ן וועג צו די ערטער, וועלכע זיינען בעשטימט געוואָרען פאַר זיי. זיי קומען צו פאָהרען מיט'ן באַהן אויף שיפען און אויף פערד, און עס קומען אויך צוגעהן צופוס („רעטש„ נום. 120, פון 3טען מאַי).

די אדמיניסטראציע גיט שטארק אכטונג, אז קיינער פון די ארויסגעשיקטע זאָל זיך ניט אָפּשטעלען ערגעץ־וואו אין דער באַלטישער געגענד: די אידען, וועלכע האָבען זיך די ערשטע טעג א לאָז געטהאָן קיין ריגא, אום צו בעזעצען זיך דאָרט, האָבען געמוזט גלייך ארויספאָהרען אויף דווינסק קיין מאָהילעווער גובערניע („רעטש", נום. 120, פון 3טען מאַי). און דער קאָמאנדאנט פון

רעוועל האָט זיך בענוצט מיט דער איצטיגער געלעגענהייט און האָט ארויסגעגעבען אזא בעפעהל, וואָס זאָל פערזיכערען די שטאָדט ניט נאָר פון די קורלענדער, נאָר אויך פון די אידען פון די אנדערע גובערניעס. אין דעם בעפעהל לייענען מיר: „איך פערבאָט אריינ־צוקומען אין דעם פעסטונגס־ראיאָן פערזאָנען פון אידישען גלויבען, וועלכע ווערען צוליעב מיליטערישער נויטווענדיגקייט ארויסגעשיקט פון קורלענדער, ליפלענדער און קאָוונער גובערניעס און בכלל פון דעם ראיאָן פון די קריעגס־אָפּעראציעס". („רעטש", נומ. 123, פון 6טען מאי).

אין דעם גירושים־שטראָם האָבען זיך ארייגגעגאָסען נייע כוואליעס: אין אָרשע זיינען אָנגעקומען טויזענט ארויסגעשיקטע אידען, פון זיי זיינען 150 בעזעצט געוואָרען אין די ערטער ארום שטעדטעל די איבעריגע אין האָמעל („היינט", נומ. 114, פון 20טען מאי); קיין מאָהילעוו זיינען פון קורלאנד אָפּגעשיקט געוואָרען 800 אידען („ראזסוויעט, נומ. 19, פון 10טען מאי); דורך מינסק זיינען דעם 6טען מאי דורכגעפאָהרען 5,000 אידען, וועלכע זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען פון קורלאנד („רוסקאיע סלאָווא"), א. אז. וו.

ווי גרויס עס איז די צאָהל ארויסגעשיקטע אידען פון קורלאנד, איז שווער גענוי צו בעשטימען. לויט ווי אייניגע רעכענען אויס, דערגרייכט די צאָהל ביז 60—70 טויזענט. אום אָפּצושאַצען די גאַנצע בעדייטונג פון דער דאָזיגער ציפער, דאַרף מען נעהמען אין זינען אז די אידען אין רוסלאנד האָבען דאָס רעכט צו וואוינען נאָר אין די שטעדט; אז קורלאנד געפינט זיך אויסער'ן תחום, הייסט עס, אז די ארויסגעשיקטע אידען פון דאָרט האָבען שוין אָבגעוואוינט דאָרט פיעלע צעהנדליגער יאָהרען און דורות גאַנצע און האָבען בעוויעזען טיעף איינצואוואָרצלען זיך אין דעם שטאָדטישען לעבען פון דאנען איז קלאָר, אז אין דער עקאָנאָמישער הינזיכט האָט דער גירוש געגעבען די קורלענדער אידען דעם שטאַרקסטען קלאַפּ. די צום מעהרסטען לעבעדיגע פונקטען האָבען פערלאָרען א היבשען טהייל פון דער עקאָנאָמיש־טהעטיגער בעפעלקערונג, און דאָס לעבען דאָרט איז כמעט ווי אָפּגעשטאָרבען. פון מיטאַווע איז מען מודיע, אז פון דאָרט זיינען פאַר איין מאָל אנגעקומען קיין רעזשיצא, וויטעבסקער גובערניע, 8,000 אידען („ראזסוויעט", נומ. 19, פון

10טען מאי). אדער אזא מין ביישפיעל: „נאכ'ן גירוש אויף די אידען פון ווינדאווע איז אין שטאדט געבליבען ניט מעהר ווי 1,500—2,000 איינוואוינער... אלע געשעפטען און פאבריקען זיינען פערמאכט.“ („רעטש“, נומ. 123, פון 6טען מאי).

דעם אמת מוז מען זאגען, אז וואס איז שייך מיטאווע האט זיך די רוסישע נאטשאלסטווא בעגאנגען מיט גרויס חסד, און אפ־טרעטענדיג פון דער פראקטיק, איז זי אזוי גוט געווען איבערצולאזען דארטען עטליכע אידען: דעם דאקטאר פייטעלבערג, וועלכער פער־נעהמט דעם אמט פון א שטאדט־דאקטאר און איז אין רעגיערונגס־דיענסט, און צייטווייליג — דעם קצב ראלאוו און עטליכע קראנקע אידען („ריזשסקי וויעסטניק„ „קיעווסקאיא מיסל“, נומ. 126, פון 7טען מאי).

די גירושים פון קורלאנד האבען פערכאפט אויך די טערי־טאריע, וועלכע ליעגט אויסער דער דאזיגער גובערניע און וועגען וועלכער עס איז ניט דערמאנט געווארען אין דעם בעפעהל פון 30טען אפריל: גלייכצייטיג איז פארגעשריבען געווארען ארויס־צושיקען די אידען פון דעם ראיאן פון אוסט־דווינסקער פעסטונג, וועלכער שליסט איין אויך די אומגעגענד פון ריגא („ראזסוויעט“, נומ. 19).

### 6.

די גירושים האבען אנגענומען דעם כאראקטער פון א קאלא־סאלער קאטאסטראפע, וועלכע סטראשעט צו פערניכטען א גאנצע געגענד, בעת זיי האבען דערגרייכט קאוונער גובערניע.

די אדמיניסטראציע פון קאוונער גובערניע האט געקראגען פאלגענדען בעפעהל פון דער העכערער מיליטערישער מאכט:

„צוליעב דער פעראָרדנונג פון דעם קאמאנדיר פון דער ארמעע מוזען ארויסגעשיקט ווערען אלע אידען, וועלכע וואוינען צו מערב־זייט פון דער ליניע קאוונא־יאנאוו־ווילקאמיר־ראגאוו־פאניעוועזש־פאסוואל־סאלאטי־בויסק. די אויסגערעכענטע פונקטען געהען אויך אריין אין דער צאהל ערטער, פון וועלכע די אידען הארפען ארויס־געשיקט ווערען. וואס איז שייך די אידען, וועלכע וואוינען אין

די ערטער, וואס זיינען איצט פערנומען פון דייטשען מיליטער, דארף דורכגעפיהרט ווערען די אנגעוויזענע מאסרעגעל גלייך נאכדעם ווי די דאזיגע ערטער וועלען אפגערייניגט ווערען פון די פיינדליכע חיילות און פערנומען ווערען פון אונזערע חיילות. די ארויסגעטריבענע אידען דארפען אפגעשיקט ווערען אין איינעם פון די פאלגענדע אויעזדען: באכמוטער, מאריופאלער און סלאוויאנאסערבסקער אין יעקאטערינאסלאוער גובערניע, און פאלטאווער, גאדיאטשער, זענקאווער, קאבעליאקער, קאנסטאנטינאגראדער, לאכוויצער, לובענער, מירגאראדער, ראמענער און האראלער אין פאלטאווער גובערניע. דער לעצטער טאג פאר דעם גירוש איז בעשטימט געווארען דער 5טער מאי. נאך דעם דאזיגען טערמין וועלען די אידען, וואס וועלען פערבלייבען צו מעהב־זייט פון דער אנגעוויזענער גרעניץ, בעשטראפט ווערען לויט די געזעצען פון קריעגס־צייט, און די פאליציי־בעאמטע, וועלכע האבען ניט געטהאן דאס געהעריגע דורכצופיהרען די אנגעוויזענע פעראָרדנונג, וועלען בעזייטיגט ווערען פון זייערע עמטער און איבערגעגעבען ווערען צום געריכט. געבענדיג צו וויסען, אז עס זאל דורכגעפיהרט ווערען דאס וואס עס שטעהט דא, שלאג איך פאר, אז ווי מען וועט פארטיג ווערען מיט ארויסשיקען אלע אידען הינטער דער אנגעוויזענער גרעניץ פון די אייך אנפערטרויטע ערטער, צו מעלדען מיר טעלעגראפיש ביז 12 דעם זייגער בייננאכט דעם 5טען מאי. ווי עס וועט צוגעהן דער גירוש פון די אידען פון די ערטער, וועלכע זיינען איצט פערנומען פון דעם שונא, זאל מען מיר מעלדען אזוי שנעל, ווי דאס וועט דורכגעפיהרט ווערען." („רעטש", נומ. 127, פון 10טען מאי).

אויפ'ן גרונד פון דעם דאזיגען בעפעהל זייען ארויסגעשיקט געווארען די אידען פון א גאנצער רייהע אויעזדען פון קאוונער גובערניע, ווי קאוונער אויעזד, שאוולער, פאניעוועזשער, ווילקאמירער („רעטש", נומ. 123, פון 6טען מאי).

די גירושים זיינען צוגעגאנגען מיט אזא אכזריות, אויף וועלכער נאר די רוסישע ביוראקראטיע איז פעהיג. זונטאג אוונט, דעם 3טען מאי, האט די פאליציי געלאזט וויסען דער אידישער בעפעלקערונג פון קאוונא, אז אלע אידען מוזען פערלאזען די שטאדט ניט שפעטער ווי דעם 5טען מאי, 12 אזייגער בייננאכט. דעם 5טען

מאי האָבען דורך ווילנא אַנגעהויבען צו ציהען זיך צוגען מיט ארויס־געשיקטע. אראָפּצוגעהן אין ווילנא איז זיי געווען פערבאָטען („יעווריסקאיא זשיזן", נום. 1, פון 24טען מאי). פון קאָוונא זיינען גלייך ארויסגעשיקט געוואָרען ביז צוואנציג טויזענט אידען („רעטש", נום. 126, פון 9טען מאי, „ליטאָווסקאיא רוס"). און בכדי די קאָוונער זאָלען מעהר קיין האָפנונג ניט האָבען אויף צוריקצוקעהרען זיך, האָט די אדמיניסטראציע געהייסען אויסמעקען אַלע אידען פון די רעגיסטראַציאָנס־ביכער אַלס אַזעלכע, וואָס וואוינען שוין מעהר ניט אין דעם ראַיאָן פון קאָוונער פעסטונג („היינט", נום. 114, פון 20טען מאי). וואָס איז שייך יענע ארויס־געשיקטע פון קאָוונער גובערניע (און אויך פון קורלענדער און סו־באלקער), וועלכע האָבען בעוויזען פריהער אריינצוכאַפּען זיך אין ווילנא, איז געקומען אַ פעראָרדנונג פון דער העכערער מיליטערישער מאכט ארויסצושיקען זיי פון שטאָדט אין צייט פון צעהן טעג („היינט", נום. 112 פון 18טען מאי).

ביי דער איילעניש — אין פערלויף פון 1—2 טעג און זאָגאר עטליכע שטונדען — ווי דער גירוש איז געמאכט געוואָרען, האָט גאָר קיין רעד ניט געקענט זיין, אז מען זאָל קענען ליקווידירען די געשעפטען. פאבריקען, מאגאזינען, קראָמען, באַלעבאַטישקייט אין די הייזער — אַלעס איז איבערגעלאָזען געוואָרען אויף הפקר. אפילו דעם מיטגליעד פון גאָסודארסטווענע דומא פון קאָוונער גובערניע, פריעדמאנ'ען, איז ניט ערלויבט געווען צו קומען אין פּאָניעוועזש צו ברענגען דאָרט אין אָרדנונג זיינע געשעפטען.

ניט האָבענדיג די מעגליכקייט צו פערבאַפּען מיט זיך כאָטש דאָס סאמע נויטינסטע פון זייער האָב און גוטס, זיינען די ארויס־געשיקטע גלייך אריינגעפאלען אין דער לאגע פון קבצנים, וואָס דארפען געהן איבער די הייזער. „אויף פיעלע פון זיי, — ווי די „יעווריסקאיא זשיזן" שרייבט, — איז די וועש לגמרי צור־טראָגען געוואָרען, און עס איז פון זיי געוואָרען שמוציגע שמאטעס."

## 7.

מיט'ן גירוש פון די אידען פון קאָוונער גובערניע איז דער גאנצער תחום אויפגערודערט געוואָרען. לייענענדיג די צייטונגס־

כראַניק, קען מען דענקען, אַז די צייטען פון די פעלקער־איבערוואַנ־דערונגען האָבען זיך צוריקגעקעהרט.

צו דער „רוסקאַיע סלאָווא" טעלעגראַפירט מען דעם 6טען מאַי פון מינסק: „היינט פאָהרען דורך צוגען מיט אידען, וועלכע ווערען ארויסגעשיקט פון קאָוונער ראַיאָן. אין סך הכל זיינען דאָרט דורכ־געפאָהרען 8,000 אידען. די אַלע אידען ווערען געשיקט אין די גובערניעס וואָס ביים דניעפּר." דעם 8טען מאַי טעלעגראַפירט מען פון וויטעבסק: „פאַר די לעצטע דריי טעג זיינען דורך וויטעבסק דורכגעפאָהרען העכער 20 טויזענט אידען, וועלכע זיינען ארויס־געשיקט געוואָרען פון קורלאַנד, קאָוונאָ און פּאָניעוועזש." פון ווילנאָ טעלעגראַפירט מען: „היינט זיינען דורך ווילנאָ דורכגע־פאָהרען דרייצעהן צוגען מיט אידען. די אַלע ארויסגעטריבענע אידען ווערען אָפּגעשיקט אין מאָהילעווער און יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניעס".

דער „ראזסוויעט", נומ. 21 (פון 24טען מאַי) שרייבט: „מאַריופּאָל — היינט זיינען געקומען צו פאָהרען עטליכע טויזענד ארויסגעשיקטע אידען; פּאָלטאַוואַ — עס זיינען אָנגעקומען 500 אידען, הויפּטזעכליך פון קאָוונער גובערניע, זיי זיינען איינגעקוואַר־טירט געוואָרען אין קאַזאַרמע, גלייך נאָך דעם זיינען אָנגעקומען נאָך 1,400 נפשות; קאָבעליאַקי — עס זיינען אָנגעקומען 200 אידישע פליכטלינגען, די אדמיניסטראַציע האָט זיי ערלויבט צו בעזעצען זיך נאָר אין דריי אויעזדען: באַכמוטער, סלאַוויאַנאָסערב־סקער און מאַריופּאָלער; זשיטאָמיר — עס זיינען אָנגעקומען 234 אידישע פליכטלינגען; פּינסק — ס'איז אַהער געשיקט געוואָרען אַ פּאַרטיע אידישע פליכטלינגען, 500 נפשות; אומאַן — עס זיינען אָנגעקומען 300 אידישע פליכטלינגען."

די „יעווריייסקאַיאַ ניעדיעליאַ", נומ. 1: „ס'זיינען אָפּגעשיקט געוואָרען צוגען מיט ארויסגעטריבענע קיין אָרשע, מגלין, קרעמענ־טשוג, פּאָלאָצק, קאָנסטאַנטינאָגראַד, חאָראָל, מירגאָראָד; אין קישינעוו איז דעם 10טען מאַי ערהאַלטען געוואָרען אַ טעלעגראַמע פון דעם פּעטראָגראַדער אידישען פעראיין אַז עס וועלען אַהין אָנ־קומען ניט ווייניגער פון 400 ארויסגעשיקטע פון קאָוונער, קור־לענדער, לאָמזשער און גראָדנער גובערניעס."

די „קיעווסקאיא מיסל, נומ. 145: „דעם 22טען מאי איז אין ביעלאַצערקאָוו אָנגעקומען אַ פּאַרטיע מיט 150 ארויסגעשיקטע פון קאָוונער גובערניע".

די „יעווריייסקאיא ניעדיעליא" נומ. 2 (פון 31טען מאי): פון די דריי טויזענט קעפּיגע מאסע קאָוונער, וואָס האָבען זיך אָנגעשפּארט אין סימפעראָפּאָל, זיינען קיין מעליטאָפּאָל אָפּגעשיקט געוואָרען 650 נפשות, קיין אָרעכאָוו 400, קיין באָלשאָי טאָקמאַק 500, קיין בערדיאַנסק 600, קיין טשערניגאָווקא 100, קיין מיכאַילאָווקא 150, קיין נאָגאיסק 150 און קיין געניטשעסק 400; אין סמאַרגאָן האָבען זיך אָנגעקליבען 1,200 ארויסגעשיקטע פון קאָוונער און קורלענדער גובערניעס; אין ווילנא זיינען אָנגעקומען פון באָהוסלאַוואָוויטש 107 ארויסגעשיקטע מיט פּאַסיר־שיינען; אויך זיינען אָנגעקומען אין ווילנא 350 ארויסגעשיקטע פון געלאָוואַני, סיימי, אָזוראַ און אַנדערע שטעדטלעך, זיי ווערען אָפּגעשיקט אין אַנדערע שטעדט."

אין „רעטש", נומ. 156 (פון 9טען יוני), שרייבט מען פון ווילנא: „אין דער צווייטער העלפט פון מאָנאַט מאי האָט אַ שפּאַר געטהאָן אַ שרעקליך רווישענדע כוואַליע. יעדען טאָג פּאָהרען דורך ווילנאַ עטליכע טויזענט מענשען. און די דאָזיגע כוואַליע האָט אין ווילנא גופא איבערגעלאָזען ביז 8,000 מענשען אין די אַנשטאַלטען און מעהר פון 2,000 מענשען אין פּריוואַט־וואוינונגען... די צאָהל פּליכטלינגען איז אין דער אמת'ען מעהר ווי צעהן טויזענט, נאָר פּיעלע האָבען זיך איינגעאָרדענט אין ווילנא אויף זייער אייגענעם חשבון און נאָך מעהר פּליכטלינגען זיינען צוגענומען געוואָרען פון גוטהערציגע מענשען..." אין דער זעלבער קאָרעספּאָנדענץ ווערט מיטגעטהיילט, אַז אין דעם קליין שטעדטעל שירווינט, ווילנער גובערניע, האָט זיך אָנגעקליבען ביז דריי טויזענט פּליכטלינגען.

אין „יעווריעסקאיא ניעדיעליא" נ. 3 געפינען מיר אזא כראָניק: אין בערדיאַנסק זיינען די לעצטע טעג אין מאי אָנגעקומען 920 ארויסגעשיקטע פון קאָוונער גובערניע. „די מעהרסטע פון זיי זיינען אַלטע לייט און קינדער, עס זיינען פאַראַן גאָר שוואַכע, וועלכע קענען זיך ניט אַ ריהר טהאָן אָהן זייטיגע הילף. פּיעלע האָבען אויפ'ן וועג פערלאָרען זייערע עלטערען, קינדער, און וועגען זאכען

איז שוין גאָר ניטאָ וואָס צו רעדען. עס פאָדערט זיך זעהר מעדי־ צינישע הילף און הויפטזעכליך מאַטעריעלע. מען דאַרף האָבען קליידער און וועש...״ 230 מענשען זיינען אָפּגעשיקט געוואָרען קיין נאָגאַיסק. — יעליסאַוועטגראַד, עס זיינען אָנגעקומען טויזענט ארויסגעשיקטע פון גראָדנער און קאָוונער גובערניעס. — ראָמען, עס זיינען אָנגעקומען צוויי טויזענט קאָוונער ארויסגעשיקטע, פון וועלכע ביי 800 זיינען געקומען אויף זייערע אייגענע מיטלען. — אין בערדיטשעוו זיינען סוף מאַי אָנגעקומען 226 ארויסגעשיקטע. — אין חארקאָוו זיינען דעם 25טען און 26טען מאַי אָנגעקומען פון קיעוו 605 ארויסגעשיקטע פון פלאָצקער און לאָמזשער גובערניעס.— אין פאָלטאַווער גובערניע איז ביי היינטיגען טאָג קאָנצענטרירט ארום 12,000 פליכטלינגען, און עס הערט גאָרניט אויף צו שטראָמען מיט זיי. — אין ווילנא זיינען דעם 28טען מאַי אנגעקומען אריבער הונדערט פוהרען מיט ארויסגעשיקטע פון שירווינט, געלוואָן און באָהוסלאַווישאָק, איבערהויפט פרויען, קינדער און אַלטע לייט. — באָברויסק, עס איז דורכגעגאנגען א פאַרטיע ארויסגעשיקטע, 200 נפשות.

פון „יעווריייסקאַיאַ ניעדיעליא״, נומ. 4 : דעם 3טען יוני זיינען אין ווילנא אָנגעקומען פוהרען מיט ארויסגעשיקטע פון זשאַסלי און מיישאַגאָלע. פון גראָדנא זיינען דורכגעפאָהרען דורך ווילנא 1,200 ארויסגעטריבענע, וועלכע זיינען געפאָהרען אין טשער־ ניגאָווער און פאָלטאַווער גובערניעס.

פון „יעווריייסקאַיאַ ניעדיעליא״ נומ. 5 : „דעם 8טען יוני זיינען אין ווילנא אָנגעקומען פון שירווינט צוואַנציג פוהרען מיט ארויסגעשיקטע, הויפטזעכליך פרויען, קינדער און אַלטע לייט. עס זיינען אויך אָנגעקומען ארויסגעשיקטע פון יאַנאָוו און שאַטי. א. אז. וו., א. אז. וו.

אין נומ. 3 „יעווריייסקאַיאַ ניעדיעליא״ איז אָפּגעדרוקט א כאַראַקטעריסטישער צעטעל טעלעגראַמען, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרען פון ריגא פון דעם ריגער אידישען הילפס־קאָמיטעט צום מאָסקווער קאָמיטעט :

1. דעם 24טען מאַי 9 אזייגער אין אָוונט איז אָפּגעשיקט געוואָרען א צוג מיט ארויסגעשיקטע : ראָמען 225 מענשען, קיין

פּיעווערסק — 125, קיין נאָוואָזיבקאָוו — 53. דער מאַרשרוט: וויטעבסק-זשלאָבין-האָמעל.

2. דעם 25טען מאַי זיינען אָפּגעשיקט געוואָרען אַרויסגע-טריבענע קיין לאָבוויץ 53 מענשען, קיין סאָסניץ — 70 מענשען, קיין ראָמען — 80 מענשען. דער מאַרשרוט: וויטעבסק-זשלאָבין-האָמעל.

3. פון היינט אָן זיינען מיר געצוואונגען אָפּצושיקען פון ריגא אַלע טאָג, ניט אויסשליסענדיג שבתים און פרייטאָגען, צו טויזענט קורלענדער און קאָוונער אַרויסגעטריבענע. וועגען אָפּ-לעגען קען גאָר קיין רעד ניט זיין. לאָזט גלייך וויסען, אין וועלכע פונקטען פון טאַווריטשעסקער גובערניע, און אויך מאָהילעווער, פּאָל-טאַווער און טשערניגאָווער קען מען שיקען. דעם 26טען מאַי אין אָוונט איז אָפּגעשיקט געוואָרען אַ צוג מיט אַרויסגעטריבענע, קיין באָרזנא 200 מענשען, קיין פּיריאַטין — 200 מענשען, קיין זאָלאָ-טאָנאָשאַ — 200 מענשען, קיין סאָסניץ — 200 מענשען.

4. ניט האָבענדיג קיין ידיעות וועגען פרייע פונקטען, כאָטש מיר האָבען אָנגעפרעגט אין פּעטראָגראַד, מאָסקווע און קיעוו, האָבען מיר היינט אָפּגעשיקט אַ צוג מיט אַרויסגעטריבענע קיין זאָלאָטאָ-נאָשאַ, באָרגאָן, מירגאָראָד, קרעמענטשוג — צו 200 מענשען. מיר בעטען זעהר גלייך צו לאָזען וויסען וועגען נייע פונקטען אויף די קומענדע טעג פאַר טויזענט מענשען אַ טאָג.

5. דעם 29טען מאַי איז אָפּגעשיקט געוואָרען אַ צוג מיט טויזענט אַרויסגעטריבענע קיין פּרילוק, פּיריאַטין און פּערעיאַסלאַוו.

6. דעם 30טען מאַי איז אָפּגעשיקט געוואָרען אַ צוג מיט אַרויסגעטריבענע קיין מעליטאָפּאָל, 1,100 מענשען.

7. דעם 31טען מאַי איז אָפּגעשיקט געוואָרען קיין קרעמענ-טשוג 800 אַרויסגעטריבענע, קיין קראָלעוועץ — 400 מענשען, קיין קאָנאָטאָפּ — 70 מענשען.

8. דעם 1טען יוני זיינען אָפּגעשיקט געוואָרען טויזענט מענ-שען קיין בערדיאַנסק. פּאָלטאַווער גובערניע איז פון דער אַדמי-ניסטראַציע פערמאַכט געוואָרען פאַר די אַרויסגעשיקטע. מיר בעטען גלייך אָנצואווייזען פונקטען.

וואָס פאַר אַ גרויסע מאַסע אַרויסגעשיקטע אידען עס געהט

דורך דורך איינצעלנע פונקטען, איז צו זעהן פון דעם, וואס אין ריגא האבען זיך ביז'ן 18טען מאי אנגעקליבען 9,600 פאמיליעס ארויסגעשיקטע, אדער ארום 40 טויזענט נפשות, פון וועלכע מעהר ווי א העלפט זיינען פון די ארויסגעטריבענע פון זיבען אויעזדען פון קורלענדער גובערניע, און 15 טויזענט מענשען זיינען אנגעקומענע פון טעלזער, שאוולער און טהיילוויז פון פאניעוועזשער אויעזדען, קאוונער גובערניע („יעווריסקאיא ניעדיעליא", נומ. 4).

## 8.

די גירושים־כראניק איז פיעל און פול מיט דראמאטישע איינצעלהייטען, וועלכע ווארפען א העלע ליכט אויף די צרות פון די ארויסגעטריבענע: א טויטער קערפער פון א קינד איז געפונען געווארען אויפ'ן צוג; א פאראליזירטע פרוי איז געפונען געווארען; פון צוג האט מען ארונטערגענומען א משוגע'נעם, א זקנה פון 105 יאהר א. אז. וו.

א שוידערליכען איינדרוק מאכען די לאנגע צעטלען, וואס דרוקען זיך איצט אין די צייטונגען, פון ארויסגעטריבענע, וועלכע זוכען זייערע קרובים. דער גירוש איז געמאכט געווארען אזוי שרעקליך שנעל, דאס אין דער מהומה זיינען פערפאלען געווארען הונדערטער קינדער, פרויען א. אז. וו. און איצט, ווער עס זוכט קינדער, ווער א ווייב, ווער שוועסטער, ווער עלטערען. פאר א ביישפיעל וועלען מיר ברענגען א צעטעל פון פערזאנען, וועלכע זוכען די פערלארען געגאנגענע מיטגליעדער פון דער פאמיליע, אפגעדרוקט אין נומ. 146 „קיעווסקאיא מיסל" (דעם 28טען מאי):

ביילעגענדיג דא דעם פאלגענדען צעטעל קרובים, וועלכע ווערען געזוכט פון די אידען, וואס זיינען ארויסגעטריבען געווארען פון קאוונא און אומגעגענד און זיינען אנגעקומען אין באכמוט, בעטען מיר אייך זעהר דאס אריינצושטעלען אין דער נאהענטסטער נומער פון אייער געעהרטער צייטונג:

מערי לאן זוכט איהר מאן יהודה לאן.

איידע לעווין זוכט איהר מאן אייזיק־זוסמאן לעווין.

באשעל אראנסאן זוכט איהר קוזינע ריסעל שאפירא מיט איהרע צוויי קינדער.

לאה ברוק זוכט איהר מאן דוד.

אברהם ענדעלשטיין זוכט זיינע עלטערען יונה און חיה ענדעל־שטיין.

מאיר ליעבערמאן זוכט זיין ווייב קונא מיט די זאכען.

אסתר זאלק זוכט שמואל וואשטשין און זיין ווייב.

פאיע מיגאנע זוכט הירש מאגאן מיט דער פאמיליע.

פעסיע זאלצבערג זוכט איהר מאן חיים־פישעל.

ציסיע וויניק זוכט איהר מאן שלום־ליב און דעם פאטער ישראל טשעסלער.

דבורה ענגולסקאיא זוכט איהר זוהן איציק, 16 יאהר אלט.

ישראל־יענקעל קאראבעלניק זוכט זיין זוהן הירשע־משה און זיין טאכטער אסתר־רבקה יעלטשיק מיט׳ן מאן.

זוסמאן סאלסקי זוכט זיין ווייב עטי־ראדע, זיין טאכטער שיינע, 24 יאהר אלט, דעם איידים לייבע־טביה פרידמאן מיט דער ווייב יודעס.

פייגע געלמאן זוכט איהר פאטער אליה געלמאן.

מלכה קירקעל זוכט איהר מאן שלמה און שוועסטער חיה גארדאן, 19 יאהר אלט, דעם פאטער לייבע גארדאן און די מוטער גאלדע.

באשקע קירקעל זוכט איהר מאן מיכל קירקעל.

סאניע בעקער זוכט איהר פאטער יוסף בעקער און די מוטער פייגע.

מאיר מלמדאוויטש זוכט זיין טאכטער חיה פרידקין (א סאל־דאטקע) מיט פינף מיידעלעך.

חנה באנק זוכט איהרע קינדער: ריווע, 7 יאהר אלט, שווארצע קורצע האר; גיטעלע, 5 יאהר אלט, א בלאנדינקע, א פולע. די קינדער האבען זיך אפגעשטעלט אין סאטי לעבען קיידאן. דארט זיינען אויך געבליבען אן אלטע מוטער לאה פישלעדער, 75 יאהר אלט, מיט א שווענערין רייזעל פישלעדער מיט אכט קינדער.

אברהם סאלסקי זוכט זיין מוטער און א שוועסטער.

דוד וויניק מיט דער פאמיליע זוכט דעם זוהן לייבע מיט פיער קינדער.

פאיע שוסמער זוכט איהר טאכטער ציליע, 16 יאהר אלט.

מיט אמת'ער אכטונג,

דער קאמיטעט פון דער באכמוטער אפטהיילונג פון דעם פעראיין צו העלפען די אידישע בעפעלקערונג, וועלכע האט געליטען פון די קריעגס־אפעראציעס.

באכמוט.

די צאהל פערלארען געגאנגענע פון די ארויסגעטריבענע איז אזוי גרויס, דאס אום אויפצווזוכען זיי בילדען זיך ספעציעלע אינ־פארמאציאנס־ביוראס. אזעלכע ביוראס, ווי עס שרייבט די „יעוור־רייסקאיא ניעדיעליא" נומ. 3, האבען זיך געבילדעטביים ווילנער און דווינסקער פעראיינען צו העלפען די מלחמה־קרבנות.

די גירושים האבען ארויסגערופען פסיכישע קראנקהייטען צווישען די ארויסגעטריבענע, וועלכע דראהען אנצונעהמען א מאסען־כאראקטער. פון „ווילענסקי קוריער" פון דעם 29טען מאי ער־פאהרען מיר, אז דעם 27טען מאי זיינען אין ווילנער אידישען שפיטאל אריינגעגעבען געווארען אכט גייסטעס־קראנקע פון די צאהל ארויסגעטריבענע פון קאוונער גובערניע. אין פערלויף פון דריי וואכען זיינען צווישען די ארויסגעשיקטע רעגיסטרירט געווארען 28 גייסטעס־קראנקע — 26 פרויען און צוויי מענער („יעוורעיסקאיא ניעדיעליא", נומ. 3).

די אדמיניסטראציע טהוט אלעס מעגליכעס ערגער צו מאכען די בעדינגונגען פון דעם גירוש. די ארויסגעטריבענע פון קורלענדער און קאוונער גובערניעס איז אין די מעהרסטע פאלען געגעבען גע־ווארען צייט פון פינף שטונדען ביז א מעת־לעת צו פערלאזען די ערטער („יעווריייסקאיא ניעדיעליא", נומ. 4). אין ריגא האט די נאטשאלסטווא געפאדערט, די ארויסגעטריבענע זאלען גלייך אפ־לעדיגען די שטאדט, אויב ניט, האט זי געסטראשעט אפצושיקען זיי מיט'ן עטאפ, נעהמענדיג דערביי לעבעדיגע משכנות. מיט מיה האט זיך איינגעגעבען צו קריגען אן ער־לויבניש אויף ביסלעכווייז אפצולעדיגען די שטאדט („יעווריייסקאיא ניעדיעליא", נומ. 3).

צוגלייך מיט דער דאָזיגער שנעלקייט, טהוט די אדמיניסטראַציע און פערשמעלערט די טעריטאָריע, וועלכע איז לכתחילה בעשטימט געוואָרען אויף צו בעזעצען די ארויסגעשיקטע. צוערשט איז געווען אָנגעוויעזען דער דניעפּר־באסיין. דערנאָך איז ארויס אַ פערבאָט צו בעזעצען זיך אויפ'ן רעכטען ברעג דניעפּר. דער דאָזיגער פערבאָט, ווי מען שרייבט אין נומ. 3 פון „יעווריעיסקאיא ניעדיעליא“, דראָהעט מיט אַ נירוש פון אָרשע און מאכט לגמרי אונמעגליך די בעזעצונג פון די ערוואַרטעטע ארויסגעטריבענע אין דעם איבערגעבליבענעם פרייען טהייל פון מאָהילעווער גובערניע איבער'ן רעכטען ברעג דניעפּר. די דרום־גובערניעס — טשערניגאָווער, פּאָלטאַווער, יעקאַטערינאָסלאַווער, טאַווריטשעסקער — וואו די ארויסגעטריבענע איז ערלויבט צו בעזעצען זיך, זיינען איבערגעפּאַקט אָדער פערמאכט פון דער אדמיניסטראַציע פאַר ארייינצופאָהרען. (פון דעם בעריכט וועגען דער עקסטרא־זיצונג פון דעם 21טען מאי פון דעם ראטה פון דעם מאָסקווער אידישען פעראיין צו העלפען די מלחמה־קרבנות, „יעווריייסקאיא ניעדיעליא“, נומ. 3). עס זיינען שוין פערמאכט פאַר די ארויסגעטריבענע פּאָלטאַווער גובערניע, קיעווער מיליטערישער דיסטריקט („יעווריייסקאיא ניעדיעליא“, נומ. 3) און יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע („היינט“, נומ. 142, פון 22טען יוני).

די לאַגע פון די ארויסגעשיקטע ווערט לגמרי אונמעגליך איבערדעם, וואָס אויך אויפ'ן לינקען ברעג דניעפּר ניט מען פאַר זיי אָפּ אויף צו וואוינען אַ בעשרענקטע צאָהל פונקטען, הויפּטזעכליך קליין־שטעדטלעך, וואו עס קלייבען זיך אָן טויזענטער און טויזענטער מענשען, וועלכע האָבען איינפאך ניט וואו אהינצוטהאָן זיך. דאָס זיינען ניט קיין זעלטענע פאַלען, וואָס די ארויסגעטריבענע קומט אויס צו לעבען אונטער'ן פרייען הימעל, ווי אין די ערטער ביי שירווינט („יעווריייסקאיא ניעדיעליא“, נומ. 1). אין די קליינע שטעדטלעך זיינען איבעראַל די אידישע פליכטלינגען פיעל גרעסער אין צאָהל ווי די אידישע תושבים. און אָפּשיקען די ארויסגעטריבענע אין די דערפער טאָר מען ניט איבער די רעגלען, וועלכע פערבאָטען די אידען צו בעזעצען זיך אין די דערפער, און דאָס אייגענע זיינען פאַר זיי אויך פערמאכט די אינערע גובערניעס לויט'ן געזעץ

וועגען תחום. *) די רוסישע אדמיניסטראציע וועגדעט אָן אויף די אידען איהר טראדיציאָנעלע געפּעננגניס־פּראקטיק: ניט נתפּעל ווערענדיג, וואָס עס איז שוין מעהר קיין פּלאַץ ניטאָ, פּאַקט זי אָן די ארעסטאנטען־קאַמערן אַזוי, אַז מען קען ניט ניט ליעגען, ניט זיצען.

די „עוואַקואַציע" פון די ארויסגעטריבענע גערט צו אונטער אַזעלכע בעדינגונגען, וועלכע פּאַסען גאַנץ גוט פאר'ן פּאַנשטשינע־רעזשים, אונטער וועלכען עס לעבען אין רוסלאַנד די מיליאָנען מאַסען פון דעם אידישען פאָלק: זיי ווערען איבערגעפיהרט אין פּיהרוואַגאָנעס, וואו מען פּאַקט אָן ווי הערינג אין א פאַס, מענשען געזונטע און קראַנקע, מענער, פרויען און קינדער. ווער עס פאַלט אריין אין אזא וואַגאָן, רעכענט זיך נאָך פאר א גליקליכען, וואָרים די גרויסע מאַסען קומט אויס איבערוואַנדערען צו־פוס. די זעלבע צרות האָבען זיי אויף די ערטער, וואו זיי שטעלען זיך אָפּ פאַרביי־פאַהרענדיג: אַזוי שרייבט מען פון קיעוו צו דער „יעווריייסקאַיאַ זשיזן" (נומ. 2), אַז די ארויסגעטריבענע אידען פון קאָוונער גובערניע וואָס זיינען אהין אָנגעקומען דעם 19טען מאַי, 359 פּער־זאָן, האַלטען זיך אויף אין פּראַכט־וואַגאָנעס צוזאַמען מיט פרויען און קינדער אויף דער סטאַנציע „קיעוו־פּאַסאַזשירסקי", וואַרטענדיג

*) גאָר די לעצטע צייט האָט די רעגירונג געעפענט פאַר די ארויסגעטריבענע וואָראָנעזשער גובערניע, וועלכע געפינט זיך מחוץ לתחום. אין „יעווריייסקאַיאַ זשיזן", נומ. 6, שרייבט מען, אַז פון דער סטאַנציע ריגאַ־בערעג איז עוואַקואירט געוואָרען די לעצטע פּאַרטיע פון די אַרויסגעטריבענע. אויפ'ן בעפעהל פון דער העכערער מאַכט פון פּעטראָגראַד איז דער צוג אָפּגעשיקט געוואָרען ניט אין די פינף גובערניעס פון תחום, וואָס זיינען בעשטימט געוואָרען פאַר די אַרויסגעטריבענע אידען, נאָר קיין וואָראָנעזש. די זעלבע צייטונג איז מודיע, אַז אויף דער פעראָרדנונג פון דעם קאָמאַנדאַנט פון גראָדנער פעס־טונג ווערט די אָרימע אידען — פרויען און קינדער — וועלכע האָבען ניט בעוויעזען אַרויסצופאָהרען פון גראָדנאָ און וועלכע מוזען פערלאָזען די שטאָדט ניט שפּעטער ווי דעם 20טען יוני, געגעבען אומזיסטע רייזע אין וואָראָנעזשער גובערניע אויף פאַסיר־שיינען.

ביז מען וועט זיי ווייטער אפּשיקען קיין בערדיטשעוו און ביעלאָ־צערקאָוו. פון וויטעבסק שרייבט מען: „אין שטאָדט געפינען זיך איצט העכער דריי טויזענט פליכטלינגען, די מעהרסטע פון זיי — פרויען, קינדער און אַלטע לייט, וואָס זיינען ניט פעהיג צו אַר־בייטען. די פליכטלינגען וואלגערען זיך אין פייכטע, פינסטערע געביידען פון שוהלען, אָהן ליכט, אין ענגשאפט, אין שטיקעניש. פיעלע שלאָפען אויף דר'ערד צו 2—3 מענשען אויף איין „געלעגער" („יעוורעיסקאיא זשיזן"... נומ. 3, פון 7טען יוני). פון בער־דיאנסק שרייבט מען: עטליכע הונדערט ארויסגעטריבענע פון קאָוונער גובערניע זיינען איינגעקוואַרטירט געוואָרען אין די תבואה־שפּייכלערם („יוזשניא וויעדאָמאָסטי", „יעווריסקאיא ניעדיעליא" נומ. 3).

טאָמער איז נאָך וועניג די צרות, האָבען זיך נאָך אין א רייהע פלעצער אָנגעהויבען גירושים אויף א נייעם קאָן. אזוי איז די ארויסגעטריבענע אידען פון מאָסקאָווער, פרושניצער און אָסטראָ־לענקער ראַיאָנען פערבאָטען געוואָרען צו וואוינען אין דעם גבול פון מינסקער מיליטערישען דיסטריקט. די אידען, וואָס האָבען זיך בעזעצט אין דעם דאָזיגען דיסטריקט, ווערען פון דאָס ניי ארויס־געשיקט: פון פינסק איז ארויסגעפאָהרען א פּארטיע פון 150 מענשען אין יעקאטערינאָסלאַווער גובערניע; ווייטער זיינען פון פינסק אָפּגעשיקט געוואָרען נאָך 105 אידען קיין קרעמענטשוג („יעווריסקאיא ניעדיעליא", נומ. 3).

ווי די „ריזשסקאיא מיסל" איז מודיע, זיינען שוין אויפ'ן בע־פעהל פון דער מיליטערישער מאכט אָנגענומען געוואָרען מאָס־רעגעלען ארויסצושיקען צום צווייטען מאָל די שוין איין מאָל ארויס־געטריבענע אידען פון די שטעדט און שטעדטלעך ביים ים. („יעוו־ריסקאיא ניעדיעליא", נומ. 6, פון 28טען יוני).

* *
*

איין פּרט אין דער גירושים־כראָניק וואַרפט זיך אין די אויגען: די גרויסע צאָהל פרויען, קינדער און אַלטע לייט, וועלכע ווערען

אַרויסגעשיקט, וואָס אויפ'ן ערשטען בליק קומט דאָס אויס אומפערשטענדליך, וואָרים מען טרייבט דאָך אַרויס אַלעמען ביז איינעם. אָבער די געשיכטע ערקלעהרט זיך גאַנץ איינפאַך: די מענער זיינען מעהרסטענס צוגענומען געוואָרען אין מלחמה און דערצו נאָך אין אַזאַ פּראָפּאָרציע, וועלכע שטייגט בעדייטענד אַריבער דאָס פּראָצענט־פערהעלטניס פון די אידען צו דער גאַנצער בעפעלקערונג פון דער אימפּעריע.

איינציגערמאָסען אַלס אילוסטראַציע צו דאָס אויבען געזאָגטע קענען דיענען די ציפערען פון איין טשערניגאָווער אַנקעטע. דער טשערניגאָווער אידישער הילפס־קאָמיטעט האָט געמאַכט אַן אויספאָרשונג וועגען די 139 אַרויסגשיקטע אידישע פאַמיליעס (589 פּערזאָן), וואָס זיינען אָנגעקומען אין טשערניגאָוו פון דעם ראַיאָן פון די קריעגס־אָפּעראַציעס (מעהרסטענס פון קאָוונער גובערניע). פון די אַרויסגעטריבענע זיינען געווען 310 פרויען, 279 מענער; קינדער (ביז 15 יאָהר) כמעט אַ העלפט — 43.4%, בעיאָהרענטע (פון 46 יאָהר אָן) אַרום 20%. אויף מלחמה זיינען פון די מיטגליעדער פון די אַרויסגעטריבענע פאַמיליעס אַוועק 95 פּערזאָן. עס זיינען פאַראַן אַ סך אַזעלכע פאַמיליעס, ביי וועלכע צו 2—3 מיטגליעדער געפינען זיך אויף מלחמה. אין דורכשניט איז אויף יעדע צעהן פאַמיליעס (42 פּערזאָן) קומט אויס זיבען מאַן, וואָס זיינען אויף מלחמה אַוועק („קיעווסקאַיאַ מיסל", נומ. 170 פון 21טען יוני). כאָטש די אויספאָרשונג האָט אָנגעריהרט ניט קיין גרויסע גרופּע אַרויסגעטריבענע, איז זי אָבער דאָך ביז אַ געוויסען גראַד מאַסגעבענד. *)

---

*) ניט וועניגער אינטערעסאַנט זיינען אויך די איבעריגע פּרטים פון דער אַנקעטע. פּראָפעסיעס צווישען די אַרויסגעטריבענע זיינען רעגיסטרירט געוואָרען 25. אויף בעלי־מלאָכות (סטאָליאַרעס, שמיעדען, מוליאַרעס, בעקער, שטעפער, שוסטער, שניידער, גייטאַרינס א. אַז. וו.) קומט אויס 34.6%, הענדלער — 29%, און די איבעריגע (פּראָסטע אַרביטער, דיענער, האַנדעלס־אָנגעשטעלטע, לעהרער, פוהרמאַנעס א. אַז. וו.) 36.4%. היזקות האָבען די אַרויסגעטריבענע געהאַט 185,775 רובעל; אין דורכשניט איז אויף יעדער פאַמיליע — 1,214 רובעל היזק.

די קלאנגען, וואָס האָבען זיך פערשפּרייט אין די צייטונגען, אַז אין אייניגע פּלעצער איז די אַרויסגעטריבענע ערלויבט געוואָרען צוריקצוקעהרען זיך, האָבען זיך ארויסגעוויעזען אלס ניט ריכטיג. איבריגענס, האָבען די דאָזיגע קלאנגען עטוואָס אַ גרונד יאָ געהאַט: עס קעהרען זיך צוריק די ארויסגעטריבענע... אום אריינגענומען צו ווערען אין דער אַרמעע, ווי עס בעווייזט צב"ש אַזאַ טעלעגראַמע אין „רוסקאָיע סלאָוואָ" (נומ. 123): „ווילנאָ, דעם 29טען מאַי. עס זיינען דורכגעפאָהרען פון פּאָלטאַווע, צוריקקעהרענדיג זיך קיין ווילקאָמיר, אַ פּארטיע פון ניט לאנג פון דאָרט ארויסגעטריבענע אידען, וועלכע דארפען איצט שטעהן צום פּריזיוו. זיי האָבען אלע געקראָגען צייטווייליגע שיינען פאר פרייען אריינפאָהר אין די שטעדט פון קאָוונער גובערניע". אלזאָ, דער איד, וועלכער איז ארויסגעשיקט געוואָרען פון דעם ראיאָן פון די קריעגס־אָפּעראַציעס, וויל מען האָט איהם פערדעכטיגט אין סימפּאַטיזירען מיט די דייטשען, ווערט צוגעלאָזען אין דער זעלבער אַרמעע, וועלכע מען האָט געהאַט אין זינען צו פערהיטען פון זיין „קלאַפּ אין רוקען". דאָס בינדט זיך עפּעס זעהר שלעכט מיט דער לעגענדע וועגען „אי־דישען פעררא־טה", וואָס די רעגיערונג האָט בעשאַפען.

וואָס איז שייך די ארויסגעטריבענע, וועלכע דארפען זיך ניט מעלדען צו מיליטער־דיענסט, זיינען די קלאנגען וועגען זייער צו־ריקקעהרען זיך געווען בעגרינדעט אויף איין פערשפּיצטען פאַר־שלאַג פון דער קאָוונער אַדמיניסטראַציע. ווי עס ווערט מיטגע־טהיילט אין נומ. 11 פון דעם מאָסקווער זשורנאַל „וואָינאַ אי יעוורעאי", האָט דער קיעווער אידישער הילפס־קאָמיטעט זיך משתדל געווען ביים קאָוונער גובערנאַטאָר, ער זאָל ערלויבען די אַרויסגע־טריבענע אידען פון קאָוונער גובערניע זיך צוריקקעהרען אהיים. אלס ענטפער אויף דער דאָזיגער בקשה, איז אָנגעקומען פאָלגענדע טעלעגראַמע:

„די אַרויסגעטריבענע אידען פון דעם טהייל קאָוונער גובערניע, וואָס הינטער דער ליניע ריגאַ־בויסק־פּאָניעוועזש־ווילקאָמיר־קאָוונאָ, קענען וואוינען נאָר הינטער דער דאָזיגער ליניע, ד. ה. אין נאָוואָ־אלעקסאנדראָווער און אין טהיילען פון ווילקאָמירער אויעזד, צו מזרח־זייט פון דער אָנגעוויעזענער ליניע. דאָס צוריקקעהרען זיך

אין די שטענדיגע וואוינונגס־ערטער, אויב די דאָזיגע ערטער ליעגען ניט אין דעם ראַיאָן, וואו מען שלאָגט זיך, ווערט ערלויבט נאָר דאַן, ווען עס וועלען אפריהער צוגעשטעלט ווערען געהעריגע לעבעדיגע משכנות.

גובערנאטאָר גריאזנאָוו.״

די אידען האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון צו בענוצען זיך מיט אזא מאָדנעם חסד.

9.

די צאָהל אידען, וואָס זיינען אין צייט פון עטליכע טעג ארויסגעשיקט געוואָרען פון דער נאָרד־וועסטליכער געגענד, איז ריעזיג גרוים. ווי עס בעריכטעט די „יעווריייסקאיא ניעדיעליא״ (נומ. 2), האָט זיך אין איין ווילנער גובערניע אָנגעקליבען נאָכ׳ן גירוש פון קורלענדער און קאָוונער גובערניעס ארום צוויי הונ־דערט טויזענד פליכטלינגען! אויף דער בעראטהונג פון דעם פעטראָגראַדער צענטראל־קאָמיטעט צו העלפען די אידען, וועלכע האָבען געליטען פון דער מלחמה, וואָס איז אָפּגעהאלטען געוואָרען אין מאָנאט מאַי מיט דער בעטהייליגונג פון די מעהר וויכטיגע פּראָווינציאַלע קאָמיטעטען, איז אויסגערעכענט געוואָרען, אז די אלגעמיינע צאָהל היימלאָזע אידען, וואָס זיינען רואינירט געוואָרען דורך די גירושים — אין פּוילען און אין נאָרד־וועסטליכער געגענד — בעטרעפט א מינימום פון 600 טויזענט („היינט״, נומ. 115, פון 21טען מאַי). דאָס זיינען די אידען, ביי וועלכע עס איז קיין גראָשען ביים לייב און זעעל ניטאָ; וועלכע נויטיגען זיך אין טאָג־טעגליכער הילף, אין א דאַך איבער׳ן קאָפּ און אין שפּייז. אחוץ דעם, איז צעהנדליגער און זאָגאר הונדערטער טויזענטער אידען נויטיגען זיך נאָך אין מיטלען, זיי זאָלען קענען איבערפאָהרען אין די ערטער, וואָס זיינען בעשטימט געוואָרען פאר זיי צו בעזעצען זיך. בלויז צו ראטעווען די דאָזיגע גרויסע מאסען פון הונגער־טויט, דאַרף מען האָבען צעהנדליגער מיליאָנען רובעל.

זעלבסטפערשטענדליך, אז דער קאמפף מיט אזא פאָלקס־אומ־

גליק איז ניט פאר די כחות פון קיין שום געזעלשאפטליכער וואהל־טהעטיגקייט, בפרט נאך דער אידישער, איבערהויפט, אז מען זאל זיך נעהמען אין זינען, אז אויך יענע אידישע קהילות, וועלכע זיינען פערנומען מיט זוכען מיטלען פאר די ארויסגעטריבענע אידען, קענען יעדע מינוט האבען דאס זעלבע שיקזאל: גיט מען דאך איבער, אז דער אויבער־קאמאנדיר פון די רוסישע ארמעען, גרויס־פירשט ניקאלאי ניקאלאיעוויטש, האט שוין בעשלאסען ארויסצו־טרייבען פון פעטראגראד, וואו עס איז קאנצענטרירט די גאנצע טהעטיגקייט פון הילף פאר די ארויסגעטריבענע, אלע אידען „אחרץ די באנקירען", נאר צוליעב דעם, וואס עס זיינען ארויסגעטראטען דער פינאנץ־מיניסטער און דער מיניסטער פון אויסערליכע אנגע־לעגענהייטען, האט ער איינגעשטימט אפצולעגען דעם גירוש „ביז די דייטשען וועלען נעהמען ריגא". עס איז זיך לייכט פארצו־שטעלען, וואס פאר אן אומוואהרשיינליכע נויט עס ערווארטעט די הונדערטער טויזענטער ארויסגעטריבענע, וועלכע העגנען אפ אויס־שליסליך פון פריוואטער וואהלטהעטיגקייט.

די לאגע פון די ארויסגעשיקטע איז נאך ערגער דערמיט, וואס אויך די אידען, וועלכע זיינען געבליבען אין מערב־געגענד, און וועלכע ארגאניזירען פאר'זיי הילף, זיינען אוועקגעשטעלט געווארען אין גאר אונמעגליכע בעדינגונגען. שוין ניט רעדענדיג וועגען דעם, וואס איבער זיי הענגט דער חלף פון גירוש, וועלכער פאראליזירט יעדע שום ענערגיע צוליעב דעם וואס מען איז לגמרי ניט זיכער מיט'ן מארגענדיגען טאג, איז די מאי־בעפעהלען פון דעם אויבער־קאמאנדיר פון דער רוסישער ארמעע, וועלכע ווערען אויסגעטייטשט און דערפילט מיט הוספות פון די נאטשאלניקעס פון נארד־וועסט־ליכען און זיד־וועסטליכען פראנטען, דראהען צו פערניכטען מיט'ן ווארצעל די פראדוקטיווע קרעפטען אויף א זעהר גרויסען שטח פון רוסלאנד.

לויט די דאזיגע בעפעהלען, וועלכע טראגען דעם כאראקטע־ריסטישען נאמען: „רעגעלען וועגען פערזיכערען זיך פון שפיאנען", איז די פיעל־מיליאנענדיגע בעפעלקערונג פון א גרויסער געגענד אריינגערעכענט געווארען — דאס קלינגט כמעט ווי א באבע־מעשה — אין דער קאטעגאריע פון פערזאנען, וואס ווערען פער־

דער פערקעהר צווישען בעזונדערע שטעדט איז פול מיט שוועריגקייטען ביז גאָר. אום אריינצופאָהרען אין אַזעלכע פונקטען, ווי קאָוונאָ, גראָדנאָ, ברעסט־ליטאָווסק (בריסק), ווארשא, ריגא, ווילנא, ביאַליסטאָק, ראָוונאָ, זשמערינקא א. אַז. וו. פאָדערט זיך אַ ספּעציעלע ערלויבניש פון דעם געהעריגען מיליטערישען שטאַב, וואָס דאָס איז פערבונדען מיט די שווערסטע בעדינגונגען און דאָס ווערט ארויסגעגעבען נאָר אויף איין מאָל דורכפאָהרען זיך און אויף אָפּצוזיין דאָרט אַ קורצע צייט. פערבלייבען אויף שטענדיג וואוינען אין די בעטרעפענדע שטעדט, קענען נאָר יענע פערזאָנען, וועלכע האָבען זיך בעזעצט דאָרט ביז׳ן 1טען יולי 1914. די איבעריגע מוזען אָדער זיך בעזאָרגען מיט אַן ערלויבניש פון דער מיליטערישער מאַכט אויף צו וואוינען ווייטער, אָדער אין צעהן טעג ארויסצופאָהרען („רעטש“, נומ. 137, „היינט“, נומ. 123).

זעלבסטפערשטענדליך, אז פון די דאָזיגע וואונדערליכע בע־פעהלען, וועלכע האָבען געקענט איינפאַלען נאָר אין דער רשעות־דיגער פאַנטאַזיע פון אַ וואכמייסטער־פּאָגראָמשטשיק, ליידען מעהר פון אַלעמען און הויפּטזעכליך, מען קען זאָגען אויסשליסליך, אידען, אַלס שטאָדטישער עלעמענט, און דערצו נאָך וועלכער ווערט בעשול־דיגט פון דער רעגיערונג אין צושטעלען אין מאַסען „שפּיאָנען“ צו דייטשלאַנד.

די מאַי־בעפעהלען זיינען געוועזען אַ תירוץ פאַר נייע גירושים. אזוי טעלעגראַפירט מען פון קיעוו צו דער „אוטרא ראָסיאי“ (נומ. 157, פון 9טען יוני), אז „פאַר איבערצופיהרען צוואַנציג טויזענד פרויען, וועלכע ווערען ארויסגעשיקט פון ווארשא אַלס פערזאָנען, וואָס האָבען ניט קיין בעשטימטע בעשעפטיגונג, זיינען בעשטימט געוואָרען ספּעציעלע וואַגאָנעם“. — דער „היינט“ (נומ. 132, פון 10טען יוני) שרייבט, אז „יענע פליכטלינגען, וועלכע וואוינען הויפּטזעכליך אין 4טען און 7טען צירקעל, האָבען שוין געקראָגען צו וויסען פון דער פּאָליציי, אז זיי פּאַסען זיך ניט אריין אין קיין איין קאַטעגאָריע פערזאָנען, וועלכע האָבען אַ רעכט אויפ׳ן גרונד פון דעם בעפעהל פון העכסטען אויבער־קאָמאַנדיר צו בלייבען אין ווארשא, און מוזען דארום פערלאָזען די שטאָדט.“ — פון

ביאַליסטאָק שרייבט מען צום „היינט“ (נומ. 138), אַז עס איז פאַרגעשריבען געוואָרען גלייך ארויסצושיקען פון שטאָדט אַלע האַנדעלס־אַנגעשטעלטע, ניט אויסשליסענדיג אפילו יענע, וועלכע האָבען צוגעשטעלט צייגניסען, אַז זיי זיינען בעשעפטיגט, אויב זיי האָבען זיך ניט בעזעצט אין ביאַליסטאָק ביז׳ן 1טען יולי 1914. — פון ריגא, ווי די „בירזשעוויא וויעדאָמאָסטי“ שרייבט, ווערען ארויסגעשיקט פערזאָנען, וועלכע האָבען זיך בעזעצט אין שטאָדט נאָכ׳ן 1טען יולי 1914 און וועלכע האָבען ניט קיין בעשטימטע בעשעפטיגונגען („היינט“, נומ. 137).

.10

דער גירוש אויף די אידען פון קאָוונער גובערניע האָט אָנגעמאכט אַ געדרודער צווישען די רוסישען סוחרים.

די טייל רוסישע בורזשואזיע איז אומצופריעדען מיט׳ן קריעגערישען אַנטיסעמיטיזם פון דער רעגיערונג. עקאָנאָמיש איז זי פעראינטערעסירט, אויב ניט אין דער פולער גלייכבערעכטיגונג פון די אידען, איז לכל הפחות אין דער אָפּשאַפונג פון די מעהר שרייענדע גזרות אויף אידען, ווי דעם תחום (טשערטאַ) און די פּראָצענטנאָרמע ביים ארייננעהמען אין די בילדונגס־אַנשטאַלטען (איבערהויפּט — די טעכנישע). אַלס אומבעדינגט נויטווענדיג פאַר דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג פון לאַנד רעכענט זי, אַז די אידען מוזען האָבען די פרייהייט צו וואוינען אומעטום. אין דעם זין האָט זי זיך שוין ניט איין מאָל ארויסגעזאָגט אין דער צייט פון דער מלחמה אויף איהרע צוזאַמענפאָהרען (דער צוזאַמענפאָהר פון די פערטרעטער פון דעם בערזען־האַנדעל און לאַנד־ווירטשאַפט אין מאַנאַט אַפּריל, דער צוזאַמענפאָהר פון די פערטרעטער פון דער גאָלד־אינדוסטריע אין מאָנאַט פעברואַר) און דורך איהרע אָרגאַנען (דער ראַטה פון די צוזאַמענפאָהרען פון האַנדעל און אינדוסטריע, אַ רייהע בערזען־קאָמיטעטען).

איבערהויפּט איז כאַראַקטעריסטיש אין דעם פּרט אַן אַנקעטע, וואָס דער מאָסקווער סוחרים־פעראיין האָט געמאכט צווישען זיינע פּראָווינציעלע מיטגליעדער, סוחרים, פאַבריקאַנטען, אַגענטען א. אז.

ו. וועגען דער פראגע ווי צום בעסטען צו בעקעמפפען די „דייטשע עקאנאמישע הערשאפט“. די ענטפערס זיינען ארויסגעגעבען געװארען אין דער פארם פון א בעזונדערען בעריכט, אין וועלכען עס ווערט צווישען אנדערעס קאנסטאטירט: „זיי אלע (די ענטפערס) ענטהאלטען דעם וואונש, אז דער תחום זאל אפגעשאפט ווערען (אונטערגעשטריכען אין דעם בעריכט). דאס ווערט בעטראכט... הויפטזעכליך, אלס איינס פון די קאמפפס־מיטלען געגען דעם דייטשען איינפלוס אויף אונזער אינדוסטריע“. „אין די בריעף ווערט אויסגעדריקט די האפנונג, אז די אפשאפונג פון דעם תחום וועט ברייט ענטוויקלען די פערמיטלערישע טהעטיגקייט, פערשטארקען דעם אפגאנג פון די רוסישע סחורות אין רוסלאנד גופא און בעקענען מיט זיי די ברייטע מאסען פון דער בעפעלקערונג“ (זעה די „יעווריסקאיא ניעדיעליא“, נומ. 5, פון דעם 21טען יוני).

אמת, צוליעב די פראפיטען פון די רעגיערונגס־בעשטעלונגען און דעם גאלדענעם רעגען, וואס זיי ערוואַרטען פון דער „מאביליזאציע“ פון דער אינדוסטריע פאר די קריעגס־בעדערפענישען, זיינען די רוסישע פאבריקאנטען ניט געניינט איינצורייסען מיט דער רעגיערונג און מאכען איהר שוועריגקייטען, אבער די גירושים פון ליטא האבען שוין צו שטארק אנגעריהרט זייערע קעשענעס, און זיי האבען זיך גענומען צו דער טראדיציאנעלער „שתדלנות“. אויפ'ן גרונד פון די ערקלעהרונגען פון דעם נארד־וועסטליכען פעראיין פאר האנדעל און אינדוסטריע און דעם פערבאנד פון די וואלד־הענדלער פון דער נארד־וועסטליכער געגענד וועגען דער נויטוועגדיגקייט אנצונעהמען פאליציייאישע מאסרעגלען אויף צו בעשיצען די געשעפטען און פאבריקען, וואס זיינען איבערגעלאזען געווארען אויף הפקר פון די ארויסגעטריבענע אידען, בעזונדערס צו בעשיצען דאס געהילץ, וואס איז צוגעגרייט געווארען פאר פליטען און איז איבערגעלאזען געווארען אויף הפקר, האט דער ראטה פון די צוזאמענפאהרען פאר האנדעל און אינדוסטריע בעשלאסען צו ווענדען זיך צו דער רעגיערונג מיט א מעמאראנדום און אנווייזען, אז „דער גירוש האט זיך שארף אפגערופען אויפ'ן האנדעל און אינדוסטריע פון דער גאנצער געגענד, בעשאפענדיג אן אונזיכערע לאגע אין דעם

עקאָנאָמישען לעבען, אין וועלכען די אידען שפּיעלען אַ היבשע ראָליע, און אין דעם האַנדעל און אינדוסטריע זאָגאר אַן אויס־שליסליכע" („רעטש", נומ. 132, פון 6טען מאי).

די פראַגע וועגען די גירושים איז אַנגעריהרט געוואָרען אויף אויפ'ן מאי־צוזאַמענפאָהר פון די סוחרים און פאַבריקאַנטען. דער דעלעגאַט פּיאָדראָוו האָט בעמערקט אין זיין רעדע: „...איך רעכען, אז אַזאַ זאַך קען שוין ניט דערלאָזען ווערען, אז אַ גאַנצער טהייל פון דער בעפעלקערונג זאָל אַהולאָם פערדעכטיגט ווערען אין שפּיאָנסטווע" („יעווריייסקאַיאַ ניעדיעליאַ", נומ. 2). דער צו־זאַמענפאָהר האָט איבערגעגעבען זייער ראַטה משתדל צו זיין זיך ביי דער רעגיערונג, אַז מען זאָל אויפהערען צו טרייבען די אידען פון קאָוונער גובערניע („רוסקאַיע סלאָווא", נומ. 122, פון 29טען מאי).

די דאָזיגע אַלע דעמאָנסטראַציעס אויף די קניע האָבען, פערשטעהט זיך, קיין שום ווירקונג ניט געמאַכט אויף דער רעגיערונג.

עס זיינען געקומען צו די מיניסטאָרען אויך אידישע דעפּוטאַציעס. די מיניסטאָרען האָבען זיי אויסגעהערט און די הענט צוואָושען. אזוי האָט אַ דעפּוטאַציע פון קאָוונער אידען מיט'ן מיטגליעד פון גאָסודאַרסטווענע דומא, פריעדמאַן, בראש בעזוכט דעם מיניסטער שאַכאָווסקי און איהם דערלאַנגט אַ מעמאָראַנדום וועגען דעם שווערען מצב פון דעם האַנדעל און אינדוסטריע אין קאָוונער גובערניע, וואָס איז געקומען איבער דעם גירוש אויף די אידען אין דער דאָזיגער גובערניע. האָט שאַכאָווסקי געענטפערט, אז „די לייזונג פון די דאָזיגע פראַגען ווענדט זיך ניט אַן איהם („יעוורייי־סקאַיאַ ניעדיעליאַ", נומ. 1).

פאָרמעל איז ער גערעכט געווען: בעפעהלען פאַר גירושים ווערען ארויסגעגעבען פון דעם דעפּאַרטמענט פון מפלות, וועלכער ווערט פערוואַלטעט פון דעם העכסטען אויבער־קאָמאַנדיר.

## .11

די גירושים אויף אידען זיינען איינס פון די מיטלען צו פער־גלעטען די אורזאַכען פון די מיליטערישע מפלות: די סאָלדאַטען

און די פֿאָלקס־מאַסען ווערט איינגעדרומעלט אין די קעפּ נאָך דער מעטהאָדע פֿון בילדליכען אונטערריכט, אז אויב די רוסישע אַרמעען כאַפּען מפּלות, איז דאָס דערפֿאַר, וואָס זיי קומט אוים צו אָפּערירען אין אַ געגענד, וואו די גרויסע אידישע בעפֿעלקערונג מאַסענווייז גיט די דייטשען די מעגליכקייט צו האָבען אַן ענטשיידענעם זיעג דורך אַנווייזען די פּאָזיציעס און בעוועגונגען פֿון דעם רוסישען חיל, בעזאָרגט זיי מיט פּראָוויאַנט אַ. אַז. וו. אויף׳ן גאַנצען אידישען פֿאָלק ווערט ארויפֿגעוואָרפען אַ בלבול פֿון מלוכה־פֿערראַטה. די גירושים זיינען דאָס די פּראָפּאַגאַנדאַ דורך טאַט פֿאַר׳ן בלבול.

דער דאָזיגער בלבול ווערט אריינגעקלאַפּט אין די מוחות פֿון דער פֿינסטערער מאַסע מיט אַלערליי מיטלען. מיט׳ן אָנקומען פֿון דעם דאַטשע־סעזאָן האָט דער קאָמאַנדאַנט פֿון דער קראָנשטאַדטער פֿעסטונג ארויסגעגעבען אַ בעפֿעהל צו פֿערבאָטען די אידען צו וואוינען אויף די דאַטשעס אין דעם פֿעסטונגס־ראַיאָן ביים ברעג פֿון דער פֿינישער בוכטע. איהם האָט נאָכגעטהאָן אויך דער וויבאָרגער גובערנאַטאָר און ארויסגעגעבען אַ פֿעראָרדנונג, אַז די אידען זאָל ניט ערלויבט ווערען צו בעזעצען זיך אויף די דאַטשעס אין די טהיילען פֿון וויבאָרגער גובערניע, וועלכע געהען אריין אין קראָנשטאַדטער און וויבאָרגער פֿעסטונגס־ראַיאָנען („נאָווי וואָס־כאָד“, נומ. 11—22, 14). נאָך מעהר פֿאָרזיכטיגקייט און שאַרפֿ־זיכטיגקייט האָט ארויסגעוויזען דער קאָמאַנדאַנט פֿון דער שטאָדט רעוועל, וועלכער האָט זיך צוגעאיילט צו פֿערזיכערען די פֿעסטונג געגען די פֿעררעטהערישע פּלענער אפילו פֿון די קריעגס־געפֿאַנגענע אידען: ער האָט געמאַכט פֿאַר אַ חוק ולא יעבור, אַז עס איז פֿערבאָטען אריינצופֿאָהרען און צו פֿערברענגען אין דעם גבול פֿון דעם פֿעסטונגס־ראַיאָן פֿאַר רוסישע אונטערטהאַנען פֿון אידישען גלויבען, וועלכע האָבען זיך צוריקגעקעהרט פֿון פּלען ביים שונא! („רעטש“, נומ. 163, פֿון 16טען יוני).

אַ גאַנצע לעגענדע איז בעשאַפֿען געוואָרען אין פֿערבינדונג מיט דער שלאַכט אין דעם שטעדטעל קוזשי. די מיליטערישע מאַכט האָט די שולד פֿאַר דער ניעדערלאַגע, וואָס דאָס רוסישע מיליטער האָט דאָרט געהאַט, ארויפֿגעוואָרפען אויף די אידען און פּובליצירט למען דעת אַ ספּעציעל פֿערפֿאַסטע געשיכטע. דער אָרגאַן פֿון דעם

שטאב פון נאָרד־וועסטליכען פראָנט, „נאש וויעסטניק", האָט גע־שריעבען אין דער נומער פון 5טען מאי: „דעם 28טען אַפּריל בייננאַכט האָבען די דייטשען געמאַכט אין קוזשי, נאָרד־וועסטליך פון שאַוועל, אַן איבערפאַל אויף די טהיילען פון איינעם פון אונזערע אינפאַנטעריע־רעגימענטען, וועלכע האָבען זיך צוגעלעגט אָפּרוהען. דער דאָזיגער פאַל האָט אויפגעדעקט די סקאַנדאַליעזע פעררעטהערישע אויפפיהרונג פון א געוויסען טהייל פון דער לאָ־קאַלער בעפעלקערונג בנוגע אונזער חיל, איבערהויפּט מצד די אידען. איידער אונזער חיל איז אָנגעקומען אין דעם דאָזיגען שטעדטעל, האָבען די אידען אין א סך קעלערם בעהאַלטען דייטשען און ווי מען האָט געגעבען א שאָם, אַזוי האָבען זיי אונטערגעצונדען קוזשי פון אַלע זייטען. די דייטשען, ארויסשפּרינגענדיג פון די קעלערם, האָבען זיך א לאָז געטהאָן צום הויז פון דעם קאָמאַנדיר פון אונזער אינפאַנטעריע־רעגימענט א. אַז. וו. די דאָזיגע בעשרייבונג, וועלכע איז פערפאַסט נאָך אַלע כללים פון די פּאָגראָמנע רעגיערונגס־מיטטהיילונגען, ענדיגט זיך מיט א מוסר־השכל, וואָס זיין בלוטיגער פשט איז שוין צו קלאָר: „דער דאָזיגער טרויעריגער פאַל בעשטע־טיגט נאָך אַמאָל די גרונד־פאָדערונג פון פעלד־דיענסט: די נויט־ווענדיגקייט אויפמערקזאַם צו בעציהען זיך צו דער ארבייט פון בעוואַכען, בעזונדערם די גרויסע לאָקאַלע פּונקטען, וואָס זיינען שוין געוועזען אין דעם שונא'ם הענט און וועלכע זיינען אין די מעהרסטע פאַלען בעזעצט פון אידען."

די געשיכטע מיט קוזשי איז ברייט אויסגענוצט געוואָרען פון נאָטשאַלסטוואָ, אום צו העצען אויף אידען. אַט אַפילו אין דעם וויטען טאַשקענט, וואו די אידען קען מען אויף די פינגער איבערצעהלען, האָט מען דעם 7טען מאי איבער די גאַסען פון שטאָדט אויסגעקלעפּט מודעות, אַז דעם 9טען פון דעם מאָנאַט וועט אין דער מיליטערישער קאַטעדראַל־קירכע געמאַכט ווערען אַן הזכרה איבער די געפאַלענע אין דעם שטעדטעל קוזשי „צוליעב דעם פעררעטהע פון דער אידישער בעפעלקערונג" („היינט", נומ. 114, פון 20טען מאי).

אורטהיילענדיג נאָך דער אויבען־ציטירטער מיטטהיילונג פון דעם „נאש וויעסטניק" האָט די געשיכטע אין קוזשי געהאַט שוין א בלוטיגען פינאַל: „אַלע איינוואוינער פון שטעדטעל, וואָס זיינען

שייך צו דער דאָזיגער סקאַנדאַליעזער געשיכטע, איז געגעבען גע־וואָרען א בעפעהל גלייך איבערצוגעבען צו א פעלד־געריכט פאַר פעררעטה צום פאָטערלאַנד און פעררעטהערישע מעשים געגען אונזער אַרמעע. די איינפלוסרייכערע איינוואוינער וועלען פערשיקט ווערען אין סיביר.״ ווער זיינען די דאָזיגע אויסלייזונגס־קרבנות, קען פון דער מיטטהיילונג ניט זעהן, נאָר עס קען קיין שום ספק ניט זיין, אז דאָס זיינען אידען.

דאָ וועט זיין ביים וועג אויך אָנצואווייזען אויף איין זאַך, וואָס דער גראַדאָנאַטשאַלניק פון ראָסטאָוו אויפ׳ן דאָן, גענעראַל־מאַיאָר קלימאָוויטש, — איצט איז ער בעשטימט געוואָרען פאַר גראַדאָנאַטשאַלניק אין מאָסקווע, — האָט אָפּגעטהאָן מיט דער כונה צו פערשפרייטען דעם זעלבען בלבול: אַקוראַט פאַר פסח האָט ער פייערליך מודיע געווען איבער דער שטאָדט וועגען דעם דעזערטיר דעם אידען באָגוסלאַווסקי, וואָס דערמיט האָט ער ארויסגערופען א פּאָגראָם־שרעק צווישען דער אידישער בעפעלקערונג פון דרום־רוסלאַנד („נאָווי וואָסכאָד״, נומ. 12—13, פון 3טען אַפּריל). אויף אַזא אופן האָט דער דאָזיגער גבור־מלחמה זיך פערדיענט געמאַכט צו ווערען גראַדאָנאַטשאַלניק אין מאָסקווע.

## .12

אין דער ארבייט צו פערשפרייטען די לעגענדע וועגען אידישען פעררעטה קריגט די רעגיערונג ממשות׳דיגע הילף פון דער שוואַרץ־מאה׳דיגע פרעסע. עס איז ניטאָ קיין איין העסליכע געשיכטע, קיין איין ניט געשטויגענע ניט געפלויגענע מעשה, וואָס די דאָזיגע פרעסע זאָל ניט פערשפרייטען. אָט זיינען אייניגע מוסטערן:

אין דער „נאָוואָיע ווּרעמיאַ״ האָט מען גאַנץ ערנסט פערזיכערט דעם לעזער, אז אין רוסיש־פוילען טראָגען די אידען אריבער אין טרונעס „הונדערטער פודען״ גאָלד קיין דייטשלאַנד. אַלס אילוסטראַציע איז געווען אָפּגעדרוקט א קאָרעספּאָנדענץ פון ווארשא, אין וועלכער עס איז דערצעהלט געוואָרען, אז אין איין פוילישׁ שטעדטעל, וועלכעס איז פון פאָרזיכטיגקייט וועגען ניט אָנגערופען געוואָרען מיט׳ן נאָמען, האָט מען ביי א אידישע לויה אויפגעעפענט

דעם אָרון און אָנשטאָט אַ מת האָט מען דאָרט געפונען אויף אַנ־דערטהאַלבען מיליאָן רובעל גאָלד, וואָס האָט געדאַרפט געהן פאַר די דייטשען.

אַן עהנליכע געשיכטע איז ניט לאַנג דערצעהלט געוואָרען אין דער ליטווישער קלעריקאַלער צייטונג „ליטוואוואָס צעניאָס" (נומ. 182): פון שאַוועל האָבען די אידען דורכגעפיהרט אונטער דער ערד אַ טונעל, דורך וועלכען זיי טרייבען פיה און אַנדערע לעבעדיגע זאַכען קיין דייטשלאַנד; אויסער דעם איז ניט ווייט פון שאַוועל לאָזט זיך אַרונטער אַ דייטשער צעפעלין, פערנעהמט ביי די פריינד־ליכע אידען פיה און גענז און שטעלט דאָס צו קיין פרייסען. דער דאָזיגער אונזין איז אונטערגעכאַפט געוואָרען פון דעם פוילישען פאָגראָם־בלעטעל „דוואַ גראָשאַ", און איז דאָרט רעפּראָדוצירט גע־וואָרען אונטער דער שעהנער רובריק „ווערטהפולע דאָקומענטען".

בכלל האָט די פוילישע אַנטיסעמיטישע פרעסע ניט ווייניג געאַרבייט און זי אַרבייט נאָך, אום צו פערשפרייטען די לעגענדע וועגען אידישען פעררעטה אין הסכם מיט אַלע ענטשפּרעכענדע ערקלעהרונגען און מעשים פון דער רוסישער מיליטערישער מאַכט. מיר וועלען ברענגען עטליכע ביישפּיעלען ניט קיין אויסגעקליבענע:

אין „דוואַ גראָשאַ", נומ. 154 (פון 5טען יוני), דערצעהלט זיך אַ גאַנצע מעשה וועגען „אידישע פּאַטרולען". די מיליטערישע מאַכט האָט אָפּגעשאָפט די אידישע ליוועראַנטען, אָבער די אידען האָבען, הייסט עס, פאָרט געפונען אַ מיטעל, ווי צו ליווערען אויך ווייטער פאַר דער אַרמעע. איז אויף די גאַסען, וועלכע ליעגען ביי די וואָקזאַלען, איבערהויפּט ביים וואָקזאַל פון דער וואַרשא־ווייענער אייזענבאַהן, האָבען זיי צושטעלט פּאַטרולען, וואָס נעהמען איבער די סאָלדאַטען, וועלכע מען שיקט קיין וואַרשא איינקויפען. די אידען ווילען דורך דעם אויספיהרען צוויי זאַכען: „פערקויפען שלעכטע סחורה צו טהייערע פרייזען און דערגעהן וואָס עס טהוט זיך אין די טראַנשעעס."

אין דעם „גלאָס פּאָלסקי", וואָס ערשיינט אין פּעטראָגראַד, לייענען מיר: „עס איז קיין וואונדער ניט אויב די דייטשען, אָר־גאַניזירענדיג מחנות שפּיאָנען אין פוילען, בענוצען זיך אין אַ ברייטער מאָס מיט יענעם עלעמענט, וואָס בילדענדיג 12% פון דער

גאנצער בעפעלקערונג, שטעלט ער צו היבשע צאהל מענשען, וואס בעשעפטיגען זיך מיט די אויבען־אנגערופענע און עהנליכע „דעלי־קאטע" ענינים. איבערהויפט, ווען מיר האבען נאך אין זינען, אז דער דאזיגער עלעמענט געברויכט א שפראך, וועלכע איז נאהענט צום קלאסישען דייטש מעהר וויפיעל דאס פלאט־דייטש". („יעור־רייסקאיא ניעדיעליא", נומ. 5, פון 21טען יוני).

מיט א גאנץ אפענער מסירה איז אויך ארויס נעמאיעווסקי אין „מיסל ניעפאדלעגלא": „די אפענע סימפאטיען פון די אידען מיט'ן פרייסישען איבערפאל זיינען שוין אפיציעל בעשטעטיגט גע־ווארען דורך די ווארנענדע אויפרופען פון דער מיליטערישער מאכט, דורך די קאנטריבוציעס, וואס ווערען ארויפגעלעגט אויף די אידען פאר טהאן טובות די דייטשען (ווי אין פאביאניץ), און ענדליך דורך דעם, וואס עס ווערט קאנסטאטירט, אז די שפיאנסטווע פער־גרעסערט זיך וואס אמאל, ווי מיר לייענען וועגען דעם אין דעם אויפרוף פון דעם גענעראל־גובערנאטאר אין גאליציען, גראף באב־רינסקי."

וועגען די רוסישע שווארץ־מאה'דיגע צייטונגען איז שוין גאר ניטא וואס צו רעדען. ניט נאר שרייען זיי וועגען „פערראטה,, נאר איינפאך זיי רופען צו פאגראמען: „זעה, ווער דיין שונא איז! קיין שום ענטשולדיגונג איז ניטא פאר די אידען און עס דארף ניט זיין. פון דור־דורות איז פערהאסט און פעראכטעט גע־ווארען דאס דאזיגע פון גאט פערפלוכטע פאלק; דאס בלוט פון די זיהן פון רוסלאנד, וועלכע זיינען פון זיי פערראטהען געווארען, וועט נאך לאנג שרייען פאר ראכע". („וואלגא", נומ. 98, פון 8טען מאי).

צוגלייך מיט דער שווארץ־מאה'דיגער פרעסע נעהמען אן אק־טיווען אנטהייל אין דער ארבייט צו פערשפרייטען דעם בלבול די טעלעגראף־אגענטורען פון דער רעגיערונג (ווי דער „וויעסטניק") און די רעגיערונגס־צייטונגען, וועלכע זיינען ניט אויסקלייבעריש אין ידיעות, וואס ערשטוינען מיט זייער ווילדקייט און זינלאזיגקייט. אזוי איז אין „פראוויטעלסטוועני וויעסטניק" פון 3טען מאי געווען אפגעדרוקט: דעם 30טען אפריל האבען די קאזאקען אין קיעלץ פון הינטער א בעהעלטעניש מיט ערפאלג געשאסען אויף דעם שונא.

וואָס איז אַריינגעקומען אין שטאָדט, און זיי האָבען אַליין געזעהן, ווי דער שונא איז אויפגענומען געוואָרען פון אַ אידישער דעפּוטאַציע. אַלזאָ, די אידען האָבען מקבל פּנים געווען די דייטשען אונטער'ן פייער פון ביקסען, און די בעגלויבטע עדות זיינען דאָס געווען קאָזאַקען, וועלכע האָבען געמאַכט פּאָגראָמען אין פּוילען! דער דאָזיגער בעשיינפּערליכער אַבסורד איז איבערגעגעבען געוואָרען פון דער פּעטערבורגער טעלעגראַפען־אַגענטור אין דער אויסלענדישער פּרעסע.

בעזונדערס אַרבייט מיט חשק צו בעשולדיגען די אידען אין פּעררהאַטה דער אָרגאַן פון דעם קריעגס־מיניסטעריום, „רוסקי אינ־וואַליד". אָט זיינען מוסטערן פון די פּראָוואָקאַטאָרסקע שטיק פון דער דאָזיגער צייטונג: ווען די דייטשען עראָפּלאַנען האָבען אָרונ־טערגעוואָרפען ביי אַ הונדערט באָמבעס אויף ביאַליסטאָק, האָט דער „רוסקי אינוואַליד" אינסינואירט, אַז דער דאָזיגער פאַקט איז עפּעס אומפּערשטענדליך, ווייל דאָס איז באָמבאַרדירט געוואָרען אַ שטאָדט, וואָס איז בעזעצט מיט אידען, צווישען וועלכע „די דייטשע אויס־זעהונגס־אָרגאַניזאַציע האָט דאָס רוב געקליבען איהרע אַגענטען" („נאָווי וואָסכאָד", נומ. 16, פון 24טען אַפּריל). דערנאָך, ווען דאָס דייטשע מיליטער האָט גענומען געהן אויף ליבאַווע, האָט דער „רוסקי אינוואַליד" אַרויסגעלאָזען אַזאַ מין העסליכען בלבול: „אַלס איינס פון די מיטלען צו קעמפּפען מיט די דייטשען אין דער באַל־טישער געגענד מערקען מיר אָן: אַרויסצוטרייבען די אידען פון גאַנץ קורלאַנד, און דאָס זאָל דורכגעפיהרט ווערען מיט דער גרעסטער ענערגיע. מען האָט זיי געכאַפּט פיהרענדיג די דייטשען אויף שאַוועל". דער אַבסורד פון דער דאָזיגער מיטטהיילונג וואַרפט זיך גלייך אין די אויגען: די קורלענדער אידען, וועלכע וואוינען צו צפון־זייט פון שאַוועל, האָבען „געפיהרט" אויף דער שטאָדט די דייטשען, וועלכע זיינען גאָר געגאַנגען אויף דער שטאָדט פון דרומית־מערבית! אָבער די פּראָוואָקאַטאָרס ווערען ניט נתפּעל, ווען אפילו די מעשה קלעפּט זיך ניט.

ס'איז כדאי אָפּצושטעלען זיך, צוליעב זייער אומגעוועהנליכער העסליכקייט, אויף די בלבולים פון דעם „רוסקי אינוואַליד" אויף די קריעגס־געפאַנגענע אידען. די אידישע סאָלדאַטען, ווערט דער־

צעהלט אין נומ. 24 פון דער דאַזיגער צייטונג, געניסען ביי די דייטשען אין פלען ספּעציעלע פּריווילעגיעס. די דייטשען האָבען זיי איבערגעגעבען די אומבעשרענקטע מאכט איבער די איבעריגע רוסישע געפאַנגענע, בעוואָפנען זיי מיט גומענע קאַנטשיקעס, וואָס זיינען ספּעציעל רעקאָמענדירט געוואָרען פון דעם דייטשען גענעראַל-שטאַב, און הייסען זיי אָהן רחמנות שלאָגען די רוסישע געפאַנגענע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען זיך מיט עפּעס פערזינדיגט. די אידען נוצען בּרייט אוים די דאָזיגע פולמאכט, און מיסברויכען זאָגאר זייער רעכט, איזדיעקעווענדיג זיך איבער די רוסישע סאָלדאַטען און אָנשיקענדיג אויף זיי די דייטשע וועכטער, וואָס דאָס ענדיגט זיך אָפט מיט פּייניגונגען („הײנט", נומ. 132, פון 10טען יוני).

זעלבסטפערשטענדליך, אַז די מיינונג פון דעם „רוסקי אינוואַליד" וועגען אידען איז, אַז זיי זיינען אַן עלעמענט, וואָס דעמאָראַליזירט די רוסישע אַרמעע. ווען יע. טרובעצקאָי האָט אין „רוסקיא וויעדאָמאָסטי" געשטעלט די פראַגע: „אויב די אידען קענען שטאַרבען פאַר רוסלאַנד, טאָ פאַרוואָס זאָלען זיי ניט מעגען וואוינען אין גאַנץ רוסלאַנד, פאַרוואָס קענען זיי ניט זיין קיין אָפיצערען אין דעם רוסישען חיל?", — האָט דער „רוסקי אינוואַליד" מיט חוצפּה געענטפערט: „אונזער אַרמעע איז טאַקע דערפאַר שטאַרק, ווייל צו איהר האָבען קיין צוטריט ניט די מאַיאָרען מרדכי'ס, וועלכע פערדאַרבען איהר גייסט מיט זייער קאָסמאָפּאָליטישען אני-מאמין."

## 13.

דאָס מיטעל-פּונקט, פון וועלכען עס ציהען זיך אַלע פעדים פון דער לעגענדע וועגען אידישען פעררעטה, איז דער מיליטערישער הויפּט-שטאַב, אָדער ריכטיגער געזאָגט דער שטאַב פון דעם העכסטען אויבער-קאָמאַנדיר. נאָך אין נאָוועמבער פאָריגען יאָהר איז צו די חיילות פון דעם פּוילישען פראָנט צושיקט געוואָרען אַ בעפעהל, וועלכער איז געדרוקט געווען אין דער גאַנצער איינראָפּאַישער פּרעסע און וועלכער האָט אויפמערקזאם געמאכט די סאָלדאַטען אויף דעם, אַז „אין די רוסישע אידען האָבען די דייטשען געפונען טרייע חברים,

וואָס, אַ חוץ, וואָס זיי בעזאָרגען מיט פּראָוויאַנט, זיינען זיי אויך די בעסטע, גאַנץ אָפּטע גינציגע שפּיאָנען, גרייט צו טהאָן יעדע אַרבייט, אויב דאָס בּרענגט שאָדען די רוסישע אינטערעסען", און עס איז פאָרגעשריבען געוואָרען: אויפצוזוכען אונטערערדישע טעלעגראַפּען און טעלעפאָנען, דורך וועלכע די אידען רעדען זיך יאַקבּי צונויף מיט די דייטשען, צו נעהמען לעבעדיגע משכנות פון דער אידישער בעפעלקערונג און היגריכטען זיי „אין פאַל ווער פון די דאָרטיגע איינוואוינער וועט בעגעהן אַ פּעררּאטה". הייסט עס, אז עס מאַכט גאָר ניט אויס, ווער עס האָט דעם „פּעררּאטה" בעגאַנגען, אַ איד אָדער ניט קיין איד („אינפאָרמאַציאָני ליסטאָק", נומ. 8).

היינטיגס יאָהר, ווי די „נאַשע סלאָוואָ" (נומ. 122) שרייבט, איז אין אַ בעפעהל פון דעם גענעראַל־שטאַב פון 27טען אַפּריל (אַלטער סטיל), אונטער נומער 1193, פאָרגעשריבען געוואָרען איבער'ן גאַנצען פראָנט „נאָכצושפּירען די אידישע סאָלדאַטען, אויב זיי גיבען זיך ניט איבער מיט'ן אייגענעם ווילען אין פּלען, און בכלל זייער אויפפיהרונג". אום אַז דער בעשולדיגונגס־מאַטעריאַל, וועלכער וועט אויף אַזאַ'ן אופן אָנגעזאַמעלט ווערען, זאָל ניט קענען קאָמפּראָמעטירט ווערען אַלס טענדענציעז־איינזייטיג, ווערט רעקאָמענדירט אַרויסצוכאַפּען אויך פאַלען, וואו אידישע סאָלדאַטען האָבען זיך „לויבענסווערטה אויפגעפיהרט". (קען מען אפשר דער־מיט ערקלעהרען די ערשיינונג, וואָס ניט קוקענדיג אויף דעם ניעדריגסטען אַנטיסעמיטיזם פון דער מיליטערישער מאַכט, ווערען דאָך איינצעלנע אידישע סאָלדאַטען בעלוינט פאַר זייער אויסצייכענען זיך?).

פאַר דעם זעלבען צוועק, צו בעשטעטיגען דעם בלבול, האָט אויך געדיענט די פעראָרדנונג (פון 13טען פעברואַר) פון דעם גאַליציאַנער מיליטערישען גענעראַל־גובערנאַטאָר גראַף באָברינסקי וועגען דעם פערבאָט פאַר אידען אַריינצופאָהרען אין גאַליציען און אַריבערצופאָהרען אין גאַליציען פון איין אויעזד אין דעם צווייטען. די דאָזיגע פאָרדערונג איז איינפאַך מאָטיווירט געוואָרען מיט דער נויטווענדיגקייט צו קעמפּפען מיט דער שפּיאָנ־סטווע מצד די אידען, וואָס האַלט זיך אין איין פערגרעסערען, און דאָס האָט ניט געשטערט דעם זעלבען באָברינסקי דערנאָך, אין אַ

געשפּרעך מיט'ן קאָרעספּאָנדענט פון „רוסקאָיע סלאָווא", צו ער־קלעהרען, אַז די אויפפיהרונג פון דער אידישער בעפעלקערונג אין דעם גבול פון זיין גענעראַל־גובערנאַטאָרסטווע איז „גאַנץ קאָרעקט" („נאָווי וואָסכאָד", נומ. 14), און אויף אַזאַ'ן אופן אינדירעקט מודה צו זיין, אַז ניט די מורא פאַר אידישע שפּיאָנסטווע האָט איהם דיקטירט ארויסצוגעבען זיין פעברואַר־בעפעהל, נאָר גאַנץ אַנדערע טעמים.

דעם רעקאָרד אויף דעם בעטרעפענדען געביט האָבען געבראָכען די לעצטע בעפעהלען, וועלכע זיינען פאַבריצירט געוואָרען אין דעם געצעלט פון דעם העכסטען אויבער־קאָמאַנדיר. דער מערקווירדיג־סטער פון זיי איז דער „מאַניפעסט" צו די סאָלדאַטען, וואָס איז פון דאָרט ארויסגעלאָזט געוואָרען און וועלכער הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „דער בעכער פון געדולד איז שוין פול געוואָרען". די אידען, ווערט געזאָגט אין דעם מאַניפעסט, טהוען טובות די דייטשען, די אַרמעע דאַרף אויף שריט און טריט היטען זיך פון זיי, אויף דעם גרונד איז אָפּגעגעבען געוואָרען אַן אַלגעמיינער בעפעהל ארויסצו־שיקען אַלע אידען פון דעם ראַיאָן פון די קריעגס־אָפּעראַציעס. מיט'ן דאָזיגען מאַניפעסט האָט זיך אָנגעהויבען דער אַקט פון דעם גירוש אויף די אידען פון ליטא און די באַלטישע פּראָווינצען.

## 14.

עס איז כדאי צו בעמערקען, אַז דער רעגיערונג, וועלכע האָט ביז גאָר פּראָסטיטואירט די געריכטען, האָט זיך ניט איינגעגעבען צו מאַכען קיין איין פּראָצעס, וועלכער זאָל בעשטעטיגען די לעגענדע וועגען אידישען פעררעטה. אפילו די מיליטערישע יוסטיץ, וועלכע האָט זיך געמאַכט אַ נאָמען מיט איהרע אכזריות און מאַסען־פער־אורטהיילונגען פון אומשולדיגע בעת די שטראָף־עקספּעדיציעס פון 1906, האָט ניט געקענט צושטעלען אפילו קיין איין בעווייז, אַז די אידען זיינען פערמישט אין מיליטער־שפּיאָנאַזש. די אַלע מיני פּראָבעס האָבען געהאַט אַ פיאַסקאָ. דעם 9טען און 10טען מערץ, ווי די „רוסקיאַ וויעדאָמאָסטי" שרייבט, איז אין דעם מיליטערישען קאָרפּוס־געריכט אין וואַרשא פאָרגעקומען דער פּראָצעס וועגען זיבען

אידען פון די שטעדטלעך גראַיעץ און נאָוואָ־מיאַסטאָ, וועלכע זיינען בעשולדיגט געווען אין מלוכה־פערראטה. די בעווייזען אין דעם בעשולדיגונגס־אַקט האָבען זיך ארויסגעוויעזען אַזוי אומגעלומפּערט און זיי זיינען אַזוי פאַלשמעדיג צוקלאַפּט געוואָרען פון די עדות אויפ'ן פּראָצעס, דאָס דער פּראָקוראָר האָט זיך ענטזאַגט פון צו פיהרען די אַנקלאַגע, און דאָס געריכט האָט בעפרייט אַלע אָנגע־קלאָגטע („נאָווי וואָסכאָד“, נומ. 14).

אַלס צוגאָב צו דעם איז אין לאָמזשע פאָרגעקומען אַ פּראָצעס פון דער קאָנטר־אויסזעהונגס־אָפּטהיילונג *), וואָס אילוסטרירט, ווי אַזוי עס ווערען געשאַפען פּראָצעסען וועגען אידען־שפּיאָנען. די מיטגליעדער פון דער קאָנטר־אויסזעהונגס־אָפּטהיילונג, טשופּראַניק, דאָראָשענקאָ און מיצקעוויטש, זיינען בעשולדיגט געוואָרען אין אונ־טערוואַרפען דעם אייגענטהימער פון קינעמאַטאָגראַף, דעם אידען אייזענביגעל, אַ טעלעפאָן. זיי האָבען איהם אַרעסטירט אויף דער בעשולדיגונג, אַז ער האָט פערבינדונגען מיט'ן שונא און געפאָדערט פון איהם פינף טויזענט רובעל פאַר בעפרייען איהם. אויפ'ן פּראָ־צעס האָט זיך ארויסגעוויעזען, אַז מיט אַזאַ מין טהעטיגקייט האָט טשופּראַניק שוין 17 אידען געבראַכט צו דער תליה. צוויי פון די פּראָצעסירטע זיינען פעראורטהיילט געוואָרען צו זעקס יאָהר אַרעס־טאַנטסקע ראָטע יעדער, און איינער, וועלכער האָט דערצעהלט דעם געריכט אַ גאַנצע רייהע פאַקטען פון דעם זעלבען מין, איז פריי־געשפּראָכען געוואָרען („נאַשע סלאָוואָ“, נומ. 122, פון 24טען יוני). אויף אַזאַ'ן אופן האָט דער אויבען־דערמאָנטער נאָוועמבער־בעפעהל צו זוכען טעלעפאָנען געפיהרט דערצו, אַז די פּראָוואָקאַציע אין דער אַרמעע זאָל זיך פאַנאַנדערבליהען און פיעלע אידען זיינען געפאַלען קרבנות פון שאַנטאַזש און פאַלשע בעשולדיגונגען.

פאַר דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה זיינען די מיליטערישע שפּיאָנען, וועלכע מען האָט ווירקליך געכאַפּט ביי דער האנט, געווען ניט קיין אידען, נאָר מיאַסאָיעדאָווס, אָפיצערען פון דעם ספּעציעלען זשאַנדאַרען־קאָרפּוס און בעאַמטע פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. „דער

*) די אויפגאַבע פון דער דאָזיגער מיליטערישער אָפּטהיילונג איז צו בעקעמפען שפּיאָנסטווע. — איבערזעצער.

פערראטה, — ווי דער דעפּוטאַט קערענסקי האָט געשריעבען צום פּרעזידענט פון דער גאָסודאַרסטווענער דומא, ראָדזיאַנקאָ, — האָט זיך געמאַכט א נעסט אין דעם מיניסטעריום פון אינערליכע אנגע־לעגענהייטען" („אינפאָרמאַציאָני ליסטאָק", נומ. 8).

די שווארץ־מאה'דיגע צייטונגען האָבען צוערשט פּרובירט אויף מיאַסאָיעדאָוו'ען פערשרייבען אויפ'ן חשבון פון די אידען, און נעהענדיג מיט זייער געוועהנליכער מעטהאָדע, האָבען זיי בעוויזען, אז זיין סדר־היחוס זאָגט עדות אויף זיין אידישער אָפּשטאַמונג: אייניגע האָבען געשריעבען, אז ער אליין איז א איד, אז זיין אמת'ער פאַמיליען־נאָמען איז ניט מיאַסאָיעדאָוו, נאָר גאָלדשטיין; אנדערע ווידער האָבען געשריעבען אז ער איז פערהייראטה מיט א אידישער טאָכטער; און נאָך אנדערע — אז זיין באָבע איז געווען א אידישע, א. אז. וו. אָבער דאָס איז שוין געווען צו נאריש און האָט קיין שום איינדרוק ניט געמאַכט.

דער מיליטערישער הויפּט־שטאַב האָט זיך געטראַכט, אז דאָס ציעל פון דער שווארץ־מאה'דיגער פּרעסע איז טאַקע לויבענס־ווערטה, נאָר דער וועג, וואָס זי האָט אויסגעקליבען, טויג אויף קלאָגען. פיעל צוועקמעסיגער איז לאָזען צורוה דעם סדר היחוס פון מיאַסאָ־יעדאָוו'ען און כאַפּען עטליכע אידען, ערקלעהרען זיי אלס מיאַסאָ־יעדאָוו'ס מיטהעלפער, אויפהענגען זיי און צופּויקען וועגען דעם איבער דער גאַנצער וועלט. און אזוי האָט ער טאַקע געטהאָן, און ליתר בטחון האָט ער אָפּגעוואַרט באלד פינף מאָנאַטען, וועלענדיג דערמיט בעווייזען, אז עס איז אָנגעגאַנגען אן „אויספאָרשונג". און דעם 21טען יוני (4טען יולי) האָט די פּעטערבורגער טעלעגראַפען אגענטור („וויעסטניק") איבערגעגעבען אין דער רוסישער און אויס־לענדישער פּרעסע א מיטטהיילונג פון דעם שטאַב פון דעם העכסטען אויבער־קאָמאַנדיר, אז די אויספאָרשונג האָט אויפגעדעקט, אז דריי אידען זיינען געווען שייך צו דער מעשה־מיאַסאָיעדאָוו און מען האָט זיי פערורטהיילט און אויפגעהאַנגען דעם 18טען יוני (1טען יולי). מיט אזא פּשוט'ען מיטעל איז מיאַסאָיעדאָוו'ס פערראַטה פערבונדען געוואָרען מיט די אידען. מען מעג זיכער זאָגען, אז די אויפגעהאנגענע אידען האָבען געהאַט אזא שייכות צו דער מעשה־

מיאסאָיעדאָוו ווי אייזענבײגעל צום טעלעפאָן, וואָס מען האָט איהם אונטערגעוואָרפען.

אָט אזוי ארבייטען די טשופּראַניקס פון גענעראַל־שטאַב, דעמאָ־ראַליזירענדיג די אַרמעע, דעמאַראַליזירענדיג די פינסטערע מאַסען, טראָגענדיג טויט און פּערוויסטונג צו די מיליאָנען פון דער אידישער בעפעלקערונג. אָט אזוי גרייטען זיי צו דעם „אויסברוך פון פאָלק'ס צאָרן", וואָס וועט זיך אָפּרופען אויף אידען מיט נייע שחיטות, וועלכע האָבען אפשר ביז איצט לויט דעם מאַסשטאַב נאָך קיין ביישפּיעל צו זיך ניט געהאַט.

## .15

כאָטש די גירושים ווערען אָרגאַניזירט פון דעם גרויספירשט־ליכען געצעלט, זיינען זיי אָבער אַ טהייל פון דעם אַלגעמיינעם רעגיערונגס־פּראָגראַם. די מיניסטאָרען אַליין זיינען ניט מעהר ווי משרתים פון דער קאַמאַריליע, פון דער באַנדע טשופּראַניקס, וועלכע רעגיערט איבער'ן לאַנד, נעבענדיג בעפעהלען פון הויפּט־קוואַרטיר. די מיניסטאָרען פאָהרען אין געצעלט אריין און בוקען זיך, פּונקט ווי אין די אַלטע צייטען זיינען די רוסישע פירשטען געפאָהרען צו דער גאָלדענער האָרדע. די מיניסטאָרען קריגען אַלע בעפעהלען פון דעם צוריק־אויפגעשטעלטען חאַן'ס געצעלט.

די גירושים האָבען אַלס גרונד די אַלץ מעהר און מעהר וואַק־סענדע רעכטלאָזיגקייט פון די אידען. פון אָנהויב מלחמה ביז היינט האָט די רעגיערונגס־מאַשין אויף אַ מינוט ניט אָפּגעשטעלט איהר ארבייט צו שמיעדען אַלץ נייע און נייע קייטען פאַר'ן אידי־שען פאָלק. די אדמיניסטראַטיווע פערמאָרדנונגען, וועלכע זיינען ארויסגעגעבען געוואָרען פאַר דער צייט פון דער מלחמה מיט'ן צוועק צו פערערגערען די רעכטליכע לאַגע פון די אידען, ניט דורכ־לאָזענדיג קיין איין ווינקעל פון געזעלשאַפטליכען לעבען, זיינען אזוי פיעל אין צאָהל, דאָס זיי וואָלטען געקענט פערנעהמען אַ דיקען באַנד. אָפּצושטעלען זיך דאָ אויף זיי, האָבען מיר ניט קיין מעג־ליכקייט. מיר וועלען נאָר ברענגען עטליכע אילוסטראַציעס צו ווייזען, ווי אזוי די רעגיערונג פערהאַלט זיך צו די אידען, וועלכע

מען האָט גערופען אין דער אַקטיווער אַרמעע, אָדער וועלכע האָבען שוין געליטען אין דער מלחמה, ווארים דאָ בעווייזט זיך דער אָפּי־ציעלער אַנטיסעמיטיזם אין זיין גאַנצער ווילדקייט און אכזריות.

דער סמאָלענסקער דאָקטאָר, דער איד ראַטהויז, האָט דעם 8טען אויגוסט 1914 אַוועקגעשיקט צום מיניסטער פון פאָלקס־בילדונג פאָלגענדע טעלעגראַמע: „מיין זוהן האָט אויסגעהאַלטען דעם אייג־טריטס־עקזאַמען אין ערשטען קלאַס פון דער סמאָלענסקער קאַזיאָנער גימנאַזיע, די טאָכטער האָט אויסגעהאַלטען דעם עקזאַמען אין ערש־טען קלאַס פון דער מאַריאינסקער פרויען־גימנאַזיע. איך האָב זיך בעטהייליגט אין דעם קריעג אין מאַנדזשוריען. אַלערהעכסט בע־לוינט מיט אָרדענס פון סט. סטאַניסלאַוו און אַננאַ מיט שווערדען, איצט בין איך שוין דריי יאָהר דאָקטאָר אומזיסט אין דער דריטער העברער סמאָלענסקער שולע, איצט רופט מען מיך ווידער אין דער אַקטיווער אַרמעע. בעט איך אייך צו בעפעהלען, אַז מען זאָל צונעהמען מיינע קינדער אַריבער דער פּראָצענט־נאָרמע און ניט על־פּי גורל.“ אויף דער דאָזיגער בקשה איז אַנגעקומען אַזאַ ענטפער: „אייער השתדלות, מען זאָל צונעהמען איבער'ן פּראָצענט און ניט על פּי גורל, איז צוריקגעוויעזען. וויצע־דירעקטאָר בערטאָלד.“ („סמאָלענסקי וויעסטניק“, „רעטש“ פון 22טען אויגוסט 1914).

אָנהויב אָקטאָבער פאַריגען יאָהר איז אין מאָסקווע אין זעמסקען פערבאַנד אַנגעקומען אַ מיטטהיילונג פון איין פּראָווינציעלען קאָ־מיטעט, אַז אַ פערוואונדעטער איד, וועלכער איז בעפרייט געוואָרען פון ווייטערדיגער מיליטער־דיענסט, ווייל מען האָט ביי איהם אָראָפּ־גענומען די רעכטע האַנט, ווערט אַרויסגעשיקט אין תחום און ער האָט געקראָגען אַ פּאַסיר־שיין פאַר מערב־פּוילען, וואָס איז פערנומען פון שונא („רעטש“ פון 8טען אָקטאָבער, 1914).

דעם היי־יאָהריגען יאַנואַר האָט דער מיניסטער פון אינערליכע ענינים ערקלעהרט, אַז אויך פאַר די טהיילנעהמער אין דער איצ־טיגער מלחמה קענען געמאַכט ווערען אויסנאַהמען אין דעם פּרט פון די עקזיסטירענדע געזעצען וועגען אידישען וואוינרעכט נאָר לויט אַ ספּעציעלער, אין יעדען פאַל בעזונדערער, ערלויבניש פון דעם מיניסטער פון אינערליכע אַנגעלעגענהייטען אויף אַ ספּעציעלער

השתדלות פון דער פעראינטערעסירטער פערזאָן („וואַרשאַווסקי דניעווניק", „נאָווי וואָסכאָד", נומ. 5, 1915). אַן ערך די זעלבע צייט האָט פּאַסירט אזא פאַקט: דער פּראָסטער סאָלדאַט, דער איד ראָזשדאָוו, האָט אין אַ שלאַכט מיט די דייטשען פערלאָרען דאָס לינקע אויג, וואָס איז ביי איהם אויסגערונען געוואָרען פון אַ וואונד, וואָס ער האָט געקראָגען. די דאָקטוירים האָבען איהם אוועקגעשיקט קיין האַרקאָוו היילען זיך און אריינשטעלען איהם אַ קינסטליך אויג. ווען ער איז געקומען צו פאָהרען קיין האַרקאָוו, האָט מען איהם אויפגעשריעבען אויף'ן פּאַספּאָרט: „גלייך ארויס־פאָהרען". („ראַזסוועט", נומ. 5, פון 1טען פעברואַר).

אין מאַי האָט דער מיניסטער פון אינערליכע אנגעלעגענהייטען בעוויעזען אַ חסד צו די צוקאַליעטשעטע אידישע סאָלדאַטען: „דער מיניסטער, — איז אָפיציעל מיטגעטהיילט געוואָרען, — האָט ער־לויבט די אידישע סאָלדאַטען, וועלכע וועלען ביים אויסשרייבען זיך פון די לאַזאַרעטען צוגענומען ווערען אין אַנשטאַלט פאַר ספּע־ציעלע קוראַציע און צופּאַסונג פון קינסטליכע גליעדער פון דעם פעראיין צו פערהיטען דאָס געזונד פון דער אידישער בעפעלקערונג, צו פערבלייבען אין דער הויפּט־שטאָדט נ י ט מ ע ה ר ו ו י צ ו ו י י ח ד ש י ם, מיט דעם תנאי, אַז די דערמאָנטע פער־זאָנען זאָלען וואוינען אין אַנשטאַלט און צוגענומען ווערען אַהין אויף אַ צייגניש פון די דאָקטוירים, וואָס פערוואַלטען אין דער הויפּטשטאָדט די שפּיטאָלען און לאַזאַרעטען פאַר מיליטער, אַז זיי נויטיגען זיך אין ווייטערדיגער קוראַציע". (ראַזסוועט", נומ. 21).

אין אַפּריל האָט דאָס מיניסטעריום פון פאָלקס־בילדונג גע־מאַכט הנחות פאַר סאָלדאַטסקע קינדער ביים אָנקומען אין די ביל־דונגס־אַנשטאַלטען — אריינצוגעהמען אָהן אַ קאָנקורס אָדער פער־שרייבען אַלס די ערשטע — נאָר מיט אַ בעמערקונג, אַז אויף אידען געהען ניט די דאָזיגע הנחות („רעטש", נומ. 105).

אין מאַי האָט זיך דאָס מיניסטעריום געכאַפּט, אַז מען דאַרף אויך די אידען עפּעס געבען. עס איז אויפגעהויבען געוואָרען די פראַגע וועגען מאַכען „הנחות" אויך פאַר די קינדער פון די אידישע סאָלדאַטען אָבער אויף'ן חשבון פון די קינדער פון יענע אידען,

וועלכע זיינען אויף מלחמה ניט גענומען געוואָרען. עס איז געמאַכט געוואָרען אַ פּראָיעקט „צוצולאָזען צוערשט צום גורל די דאָזיגע קאַטעגאָריע סטודענטען (ד. ה. די קינדער פון סאָלדאַטען) און דער־נאָך, אויב עס וועלען בלייבען לעדיגע פּלעצער, די איבעריגע אידישע אַפּליקאַנטען". דאָס מיניסטעריום האָט זיך ניט געקענט ענטשליסען אַפילו אויפ'ן ליבעראַליזם, וואָס די דאָזיגע אינסטיטוציע האָט אַרויסגעוויזען אין דער צייט פון דעם רוסיש־יאַפּאַנעזישען קריעג, ווען קינדער פון אידען, וואָס זיינען גערופען געוואָרען צו מיליטער־דיענסט זיינען אָנגענומען געוואָרען איבער דער פּראָצענט־נאָרמע. „איצט צו ווידערהאָלען די דאָזיגע פּראָבע מיט דער אייגענער מאַכט, האָט ניט דאָס מיניסטעריום, אַז עס האָט רעכטע דערצו, וואָרים אין 1908 איז די פּראָצענט־נאָרמע ביים אָננעהמען אידען אין די העכערע בילדונגס־אַנשטאַלטען שוין געוואָרען אַ געזעץ". (רעטש", נומ. 139).

די געבראַכטע ביישפּיעלען רעדען שוין גענוג פאר זיך; אין זיי, ווי אין אַ שפּיעגעל, שפּיעגעלט זיך אָפּ די גאַנצע רשעות'דיגע קליינ־ליכקייט פון דעם אַנטיסעמיטישען קורס.

צו אילוסטרירען די אַדמיניסטראַטיווע פּראַקטיק בנוגע צו אי־דען וועלכע מיר קענען לוידער דאָ ניט דעמאָנסטרירען ביים שיין פון דער גרויסער צירקולאַרנער, מיניסטערסקער ליטעראַטור, וועלען מיר אָנוויזען נאָר אויף איין פאקט, אַ קליינער, אָבער העכסט־כאַראַקטעריסטישער. אין „רעטש", נומ. 164 (פון 17טען יוני) איז אָפּגעדרוקט געוועזען: איציק לעוויט, 59 יאָהר אַלט, וועלכער האָלט די בעקעריי אין הויז נומ. 85 אויף סאַדאָווער גאַס (אין פּעטראָ־גראַד), איז פאר רעדען דורכ'ן טעלעפאָן אויף דייטש, אויפ'ן בעפעהל פון דעם הויפּטקאָמאַנדיר, פערשיקט געוואָרען אין יעניסייסקע גו־בערניע אונטער פּאָליציי־אויפזיכט אויף דער גאַנצער צייט, וואָס דער קריעגס־צושטאַנד וועט עקזיסטירען". צוויי טעג שפּעטער זיינען אין דעם זעלבען פּעטראָגראַד פאר עהנליכע אורזאַכען געגעבען געוואָרען פאָלגענדע בעשטראַפונגען פאר קריסטען: פּאַשיצקי פאר רעדען דורכ'ן טעלעפאָן אויף דייטש איז שטראַפירט געוואָרען מיט 21 טעג אַרעסט, וועלכער קען פערביטען ווערען אויף אַ געלד־שטראָף; מאַריאַנום פאר פערשפּרייטען פאַלשע קלאַנגען און פאר רעדען דורכ'ן טעלעפאָן אויף דייטש איז שטראַפירט געוואָרען מיט איין

מאָנאַט אַרעסט, וועלכער קען אויף קיין געלט־שטראָף ניט פערביטען ווערען („רעטש“, נומ. 166, פון 19טען יוני).

די דאָזיגע פאַקטען, ווען מען שטעלט זיי בלויז איינע נעגען די אַנדערע, וואַרפען גענוג ליכט אויף דער לאַגע פון די אידען. אָבער מען דאַרף נאָך נעהמען אין אכט, און דאָס איז נאָר בלתי שום ספק, אַז לעוויט האָט ניט גערעדט אויף דייטש, נאָר אויף אידיש. גלייך נאָך דער ערקלערונג פון דער מלחמה האָבען די רעגיערונגס־טשופּראַניקס מיט אַמאָל גענומען צוזאַמענמישען אידיש מיט דייטש, און ניט נאָר זיי שטעלען שוועריגקייטען, נאָר איינפאַך זיי פערבאָטען די אידען צו בענוצען זיך מיט זייער מוטער־שפּראַך אפילו אין פּריוואַט־פערקעהר, ווי עס בעווייזט אָט דער פאַקט: „אויפ'ן בעפעהל פון פעטראָגראַדער גראַדאָנאַטשאַלניק פון 24טען יוני זיינען שטראַפירט געוואָרען צו הונדערט רובעל אָדער צו אַ מאָנאַט אַרעסט: שלמה סקלאָווסקי, דבורה סקלאָווסקאַיאַ, נחום ראַוויטש און יוסף עליאַשעוו פאַר רעדען דעם אידישען זשאַרגאָן“ („דיען“, נומ. 172, פון 25טען יוני).

## 16.

די גירושים זיינען דאָס איינס פון די אָפענע מיטלען פון דער מלחמה, וואָס די מיליטערישע קליקע פיהרט אָן מיט דעם רעכענונג, אַז ניט נאָר וועט די אידישע בעפעלקערונג אין רוסלאַנד מאַטעריעל רואינירט ווערען, נאָר אויך פיזיש פערטיליגט ווערען.

דער גאַנצער שוידער פון דער לאַגע ליעגט דערין, וואָס די שרעקליכע טראַגעדיע פון דעם אידישען פאָלק שפּיעלט זיך אָפּ אין אַן אַטמאָספערע פון פאָלשטענדיגער גלייכגילטיגקייט פון דער רוסישער געזעלשאַפט. עס שווייגט די ליבעראַלע פּרעסע. עס שווייגט די קאַדעטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך בעהאַלטען הינטער די „בירגערליכע פליכט“, וואָס בינדט זי יאַקבי און לאָזט ניט אויפהויבען איצט די אידישע פראַגע; אַלעס, וואָס זי האָט געפונען פאַר מעגליך צו טאָן, איז אָנצונעהמען אויף איהר אַנומעלטדיגער פּאַמיליען־שמחה אַ רעזאָלוציע, וועלכע דעקט אויף די אָפּשטאַמונג און דעם אונזין פון דעם בלבול וועגען „אידישען פעררראַט“, און

וועלכע שטעלט ארויס די נויטווענדיגקייט צו „אנערקענען פאַר די אידען בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג און דאָס רעכט אויף נאציאָנאַל־ קולטורעלע זעלבסטבעשטימונג". האָט אָנגענומען די דאָזיגע רעזאָלוציע און צוואַשען די הענט. עס שווייגט דער פּראָגרעסיווער טייל פון דער רוסישער בורזשואזיע, וועלכע איז מעהר פעריגנומען מיט דער דאגה וועגען בעדיענען דער ארמיי, וואָס דאָס פערשפּרעכט איהר גילדערנע בערג, איידער מיט איינהיטען די פּראָדוקטיווע קרעפטען פון לאַנד, וועלכע קריגען אַ שרעקליכען קלאַפּ דורך דעם פערטיליגונגס־צוג אויף אידען. עס שווייגט, מיט איינצעלנע אויסנאַהמען, אפילו אויך די בורזשואזע דעמאָקראַטיע, וועלכע איז פערכאַפּט געוואָרען פון דעם פּאַטריאָטיזם. אין דעם דאָזיגען אַלגעמיינעם שווייגען הערט זיך קלאָר נאָר דער געשריי וועלכער ווערט צוטראָגען פון די מיליטעריש־סוחר'ישע פּאַטריאָטען: „אַלעס פאַר דער מלחמה!"

די איינציגע מאכט, וועלכע איז פעהיג געגען דער דאָזיגער פערשווערונג פון שווייגען, ארויסצוטרעטען מיט אַ ווירקענדען פּראָטעסט און אריינברענגען אַן עלעמענט פון אומרוהיגקייט אין דער איינינגקייט פון די טריאומפירענדע, איז דאָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דער „בונד" האָט געטאָן אַלעס, וואָס מעגליך. ביי די אומוואהרשיינליכע בעדינגונגען, אין וועלכע די אידען זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרען, האָט ער אָרגאַניזירט צווישען די אידישע ארבייטער אַ פּראָטעסט־בעוועגונג. עס האָט זיך ניט איינגעגעבען אויסצופיהרען די דאָזיגע ארבייט ביז צום סוף צוליעב די גירושים פון ליטאַ און באַלטישער געגענד און צוליעב די מאַי־בעפעהלען פון דעם העכסטען אויבער־קאָמאַנדיר, וועלכע האָבען כמעט ווי אינגאַנצען איבערגעריסען דעם פערקעהר צווישען די הויפּט־פּונקטען פון דעם תחום. **די פליכט פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז צו מאָביליזירען אַלע איהרע קרעפטען אין קאַמפּף מיט'ן אַנטיסעמיטיזם.**

דער אַנטיסעמיטיזם איז ניט בלויז די אַקס, ארום וועלכער עס דרעהט זיך די גאַנצע אינערליכע פּאָליטיק פון דער רוסישער רעגיערונג. דער אַנטיסעמיטיזם פערגיפטעט איצט אַלע לעבענסקוואַלען

אין רוסלאנד; בעזונדערס פערשפרייטען א מאראלישע פעסט אין די סאמע ברייטע פאלקסמאסען דער בלבול וועגען אידישען שפיאנאזש און די דורך איהם אפיציעל מאטיווירטע גירושים.

דער אנטיסעמיטיזם דיענט אין די הענט פון דער רעאקציע אלס די שטארקסטע וואפע געגען די בעפרייאונגס־שטרעבונגען פון דער דעמאקראטיע. כל זמן די דאזיגע וואפע איז נאך ניט ארויסגעקלאפט פון די הענט פון דער רעגיערונג, ריזיקירט די בעוועגונג פאר פריי־הייט יעדע מינוט צוריקגעשליידערט צו ווערען אלס אפוועגדונג־מאנעוור אין דער זייט פון דעם אידען.

**דער קאמפף מיט'ן אנטיסעמיטיזם דארף ווערען דאס צענטר פון דער סאציאל־דעמאקראטישער אגיטאציע.**

# ביילאגע

# די דעקלאראציע פון דעם צענטראל־קאָמיטעט פון „בונד“ וועגען די רדיפות אויף די אידען אין רוסלאנד.*)

די מלחמה האָט ניט נאָר ניט אָבגעשוואכט די געוועהנליכע פּאָגראָם־אנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון דער רוסישער רעגיערונג, נאָר פערקעהרט, נאָך פערשטאַרקערט זי. אין דעם מאָמענט, וואָס דאָס לאַנד לעבט איבער די גרעסטע ערשיטערונגען, טוט די רעגיערונג, שיטענדיג מיט פראזען וועגען „די בעפרייאונג פון פעלקער“, און אונטערדריקט די דאָזיגע פעלקער, דראָהענדיג מיט אונמיטעלבאַרער פיזישער פערטיליגונג דעם גאַנצען אידישען פאָלק.

פונקט ווי פריהער, זיינען אויך איצט די אידען דער שעיר לעזאָזל, אָן וועלכען די רוסישע רעגיערונג איז זיך נוקם פאר איהר טאַלענטלאָזיגקייט, פערקויפטקייט, פאר די גאַנצע פערפוילטקייט פון דעם צאַרישען רעזשים. פאר די מפּלות, וואָס די רוסישע ארמיי האָט צוליעב דעם דאָזיגען רעזשים און איבער דער שולד פון איהרע פיהרער, דאַרפען בעצאָהלען מיט זייערע קעפּ אויפ'ן קאווקאַזער פראָנט — די מחמד'אנער, אויפ'ן מערב־פראָנט — די אידען. אויף זיי דאַרף זיך אויסגיסען דער צאָרן פון פאָלק, וועמעס אויגען עס ווערען אָפּגעווענדעט פון די אמת'ע שולדיגע אין די פאָלקס־אומגליקען, שאַנדע, דורכפאַלען און נידערלאַגעס. פאר'ן פערראַט פון די רוסישע זשאַנדאַרען, פאר'ן פערראַט פון מיאַסאָיעדאָוו דאַרף בעצאָהלען מיט זיין זיכערהייט, פרייהייט און לעבען דאָס אידישע פאָלק. גירושים אויף הונדערטער טויזענד אידען, בעגלייט מיט

---

*) אָנגענומען אלס רעזאָלוציעס אויף די געהיימע אידישע ארבייטער פערזאַמלונגען. אין וואַרשא האָבען פאר איהר געשטימט ביז אַכט הונדערט אידישע ארבייטער; פון אַנדערע ערטער זיינען נאָך קיין ידיעות ניט אָנגעקומען.

פאגראמען, זיינען געווארען א געוועהנליכע זאך. די שרעקען, צרות, מאטעריעלער חורבן, וואס קומען דערביי פאר, איז גארניט צו בעשרייבען. אפילו אין די סאמע פינסטערע צייטען פון מיטעל־אלטער האבען זיך ניט געטראפען אזעלכע מעשים. אום רעכטצו־פערטיגען די דאזיגע שוידערליכע רציחות, טראכט אויס די ביורא־קראטיע מעשיות וועגען פערראט מצד די אידען. די געשיכטעס אין קוזשי און אין קיעלץ, וואס מען זעהט גלייך, אז זיי זיינען אויס־געטראכט און אן אונזין, דיענען פאר דעם אלס קלארער ביישפיעל, און די פערעפענטליכונג פון די דאזיגע געשיכטעס אין די רעגיערונגס־ארגאנען און דאס אויסקלעפען איבער די גאסען זיינען א דירעקטע פאגראם־אגיטאציע געפיהרט פון דער רעגיערונג און געשטעמפעלט מיט איהר שטעמפעל. אין דער זעלבער צייט האט מען הער פרעסע פערשטאפט דאס מויל, די מיליטערישע צענזור בושעוועט, און די רציחות אויף אידען ווערען בעגאנגען אין אן אטמאספערע פון עפענטליכען שטילשווייגען און שענדליכער גלייכגילטיגקייט מצד די ליבעראלע רוסישע קרייזען.

מיר, אידישע סאציאל־דעמאקראטען, האלטען פאר אונזער פליכט צו לאזען הערען איבער דער וועלט וועגען די שרעקען פון די רדיפות, וואס די אידען טראגען אריבער. מיר רופען צו א פראטעסט אלעמען, ווער עס האט נאך ניט פערלארען דאס פאליטישע געוויסען, ווער עס פערשטעהט נאר די געפאהר, וועלכע דראהט ניט נאר די אידען, נאר אויך גאנץ רוסלאנד מצד דעם הייפעל רוצחים, וועלכע ווילען פערוואנדלען די מיליאנען מאסען רוסישע סאלדאטען אין ווילדע באנדעס.

מיר ווענדען זיך מיט דעם דאזיגען אויפרוף קודם כל צו אייך, בעוואוסטזיניגע פראלעטאריער פון אלע נאציאנאליטעטען, וועלכע בעזעצען רוסלאנד. פון אייך פאדערען מיר אויפצוהויבען די שטימע געגען די אלע נאך ניט געהערטע שוידערליכע מעשים, וואס ווערען צוטאן איבער אונז.

ווייטער ווענדען מיר זיך צום אינטערנאציאנאלען פראלעטא־ריאט, וועמעס פליכט עס איז אויפצודעקען פאר דער וועלט די רציחות, וואס ווערען בעגאנגען איבער דער אידישער בעפעלקערונג. פון אייך, פראלעטאריער פון די פערבינדעטע לענדער מיט רוסלאנד,

פאָדערען מיר, אַז איהר זאָלט צווינגען אייערע רעגיערונגען צו פּראָטעסטירען געגען די בלוטיגע אכזריות פון זייער פערבינדעטען.

מיט אונזער אויפרוף ווענדען מיר זיך צום סוף צו די סאָציאַליסטען פון די נייטראַלע לענדער פון אייראָפּא און אמעריקא. אין אייערע לענדער זוכט דער רוסישער צאַריזם סימפּאַטיע און פריינדליכקייט. איהר מוזט טאָן אייער פּראָלעטאַרישע פליכט, און זאָל דער צאַריזם האָבען ביי אייך אין לאַנד די אויפנאַהמע, וועלכע ער האָט זיך אליין צוגעגרייט מיט זיינע רציחות.